STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 04951

DER ZEKSTER TSIENISTEN-KONGRES

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „פאלקסבילדונג".

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

ג.

דער זעקסטער ציוניסטען-קאנגרעס.

אבדרוק פון די „יודישע פאלקס-צייטונג".

קראקוי, תרס"ג.
דרוק פון ש. ל. דייטשער, אין פאדגורזע.

Zionistische Bibliothek
3.

Verlag »Volksbildung« in Warschau.

Druck von S. L. Deutscher, Krakau—Podgórze. — 1903.

אִין בַּאזֶעל, אִין דֶער שְׁטָאדְט, וָואס אִיז פַאר אוּנְז, וִוי אַרְ־חִיטֶעקְט מַארְמָארֶעק הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, — גֶעוָוארֶען אַ הִיסְטָארִישֶׁע קְדוּשָׁה, הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁלָאגֶען דֶער יוּדִישֶׁער דֵפֶּק.

שׁוֹין פוּן מָאנְטָאג (17 אוֹיגוּסְט) אָן הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען קְלֵיינֶע אוּנ גְרוֹיסֶע אֲסֵפוֹת. אֵייגֶענְטְלִיךְ הָאבֶּען זִיךְ דִי דֶעלֶעגִירְטֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּנוֹיפְקוּמֶען נָאךְ אוֹיף שַׁבָּת, נָאר בִּיז עֶס אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין גְרוֹיסֶע צָאהל דֶעלֶעגַאטֶען הָאט מֶען נִיט גֶעקָאנְט אָנְהוֹיבֶּען „עֶפִּיס צוּ טוּן“.

אוּנ וִויסֶען דַארְפְט אִיהר, אַז דִי דֶעלֶעגַאטֶען, וָואס קוּמֶען קֵיין בַּאזֶעל זֶענֶען הִימֶעל־מֶענְשֶׁען. וֶוער עֶסֶען, וֶוער שְׁלָאפֶען — נָאר טוּן אוּנ טוּן, דָאס אִיז דָאס אֵיינְצִיגֶע וֶועגֶען וָואס אַ דֶעלֶעגַאט אִין בַּאזֶעל טְרַאכְט. עֶפִּיס וִוי אַ פִּיעבֶּער נֶעמְט דוּרְךְ דֶעם דֶעלֶעגַאט אוּנ סֶע וַוארְפְט אִיהם פוּן אֵיין זִיצוּנְג צוּ דֶער אַנְדֶערֶער, פוּן אֵיין זַאל אִין דֶעם אַנְדֶערֶען. וִוי אַ פוֹיגֶעל פְלִיהט עֶר אַרוּם פוּן אֵיין הָאטֶעל צוּם אַנְדֶערֶען, פוּן אֵיין רֶעפֶערַאט צוּם אַנְדֶערֶען, אַלֶעם וֶועלֶענְדִיג אַיינְ־

שְׁלִינְגֶען, פוּן אַלֶעמֶען הֶערֶען אוּנ וִויסֶען אוּנ אֵייבִּיג מוֹרָא הָאבֶּענְדִיג, טָאמֶער הָאט עֶר עֶפִּים פַארְפֶעהלְט, נִיט אוּמֶעדוּם גֶעוֶועזֶען, נִיט אַלֶעס גֶעזֶעהן אוּנ גֶעהֶערְט!

לָאזֶען זִיךְ דִי פִּילָאזָאפֶען בְּרֶעכֶען דִי מוֹחוֹת אוּנ עֶרְקְלֶערֶען פוּן וַואנֶען דָאס נֶעמְט זִיךְ — גִישׁ-קָשֶׁה מִיר הָאבֶּען ב״ה הַיינְט גֶענוּג פִּילָאזָאפֶען, וָואס הָאבֶּען נִיט וָואס צוּ טוּן; לְמַאי זָאל מֶען טַאקִי זֵיי נִיט אָפְּגֶעבֶּען אוֹיךְ אַ שְׁטִיקֶל קָאנְגְרֶעס-אַרְבֵּייט! מַיין אַרְבֵּייט אִיז עֶס אַ וַדְאַי נִיט. אִיךְ קָאן נָאר אִיבֶּערְגֶעבֶּען דְבָרִים כְּהַוָיָתָן, וָואס גֶעזֶעהן אוּנ וָואס גֶעהֶערְט.

וּבְכֵן אִיז מֶען אִין בַּאזֶעל שׁוֹין פַארְאַרְבֶּעט.

מָאנְטָאג אוֹיף דֶערְנַאכְט אַ זִיצוּנְג פוּן דֶער חֶבְרָה „עִבְרִיָה“, וָואס ווִיל, אַז מֶע זָאל אַיינְפִיהְרֶען לָשׁוֹן-קוֹדֶשׁ-רֶעדֶען, דִינְסְטָאג אִין דֶערְפְרִיה ווִידֶער „עִבְרִיָה“, בַּייטָאג „פָּאלִיטִישֶׁע צִיוֹנִיסְטֶען“, אוֹיף דֶערְנַאכְט „מִזְרָחִי“, מִיטָוואךְ אִין דֶערְפְרִיה ווִידֶער „מִזְרָחִי“ אוּנ ווִידֶער פָּאלִיטִישֶׁע צִיוֹנִיסְטֶען, בַּייטָאג עֶפֶענְט זִיךְ דִי קָאנְפֶערֶענְץ פוּן דִי רוּסִישֶׁע צִיוֹנִיסְטֶען.

אִיךְ מוּז מִיךְ מוֹדֶה זַיין, אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטְלִיךְ, אִיךְ קָאן דֶערִיבֶּער נִיט אִיבֶּערְגֶעבֶּען אַלֶעס וָואס פְרִיהֶער אִיז גֶעשֶׁעהן, דֶען מִיט פְרֶעמְדֶע הֶענְט אִיז נָאר גוּט, ווִי מֶע זָאגְט, פַייעֶר צוּ שַׁארֶען. אִיךְ הִיפֶּער דֶערִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע קְלֵיינֶע פְרִיהֶערִיגֶע אֲסֵפָה׳לֶעךְ אוּנ הוֹיבּ אָן גְלַייךְ פוּן דֶער קָאנְפֶערֶענְץ.

די רוסישע קאנפערענץ.

די ערשטע זיצונג.

אין זאל זענען דא בערך א הונדערט דעלעגאטען פון רוסלאנד און ווען ביים אנהויב זענען שוין דא 100 טעג מען רעכענען, אז אין גאנצען וועלען היינטיגס יאהר קומען פון רוסלאנד 300 דעלעגאטען און אויב אויך אנדערע לענדער וועלען אזוי שטארק פארטרעטען זיין, וועט דער קאנגרעס האבען ביז 600 און אפשר 700 דעלעגאטען. אזא צאהל האט נאך קיין קאנגרעס ניט געהאט.

די זיצונג ווערד געעפענט פון דאקטאר קאהן-בערנשטיין. די ראיאנס-פארשטעהער זענען מודיע, אז די רעכנונג פון זייער טעטיגקייט פאר'ן זעקסטען קאנגרעס־יאהר איז נאך ניט איבערגעשריבען, און עס וועט ערשט פארטיג ווערען צו דער אנדערע זיצונג. לעת עתה וועט מען זיך פארנעמען מיט אויסקלויבען א ביורא פאר דער קאנפערענץ און נאכדעם וועט הער בצלאל יפה פארלעזען זיינע רשימות פון דער נסיעה אין ארץ־ישראל, וואס ער האט ערשט געמאכט.

עס פארקניפט זיך א ויכוח וועגען דעם. א טייל געפינען, אז רשימות פון א פריוואט־מענשען, וואס איז פריוואט געוועזן אין ארץ־ישראל א חודש, קאן ניט האבען קיין אינטערעס פאר דער אסיפה. צווישען די דעלעגאטען געפינען זיך נאך אזוינע, וואס זענען געווען אין ארץ־ישראל און אז יעדער וועט וועלען פאר דער אסיפה פאר־לעזען זיינע אייגענע רשימות און נאטיצען וואלט די אסיפה זיך פאר־

וואנדעלט אין א לעזע-אבענד, וואס איז כלל ניט דער צוועק פון אונזער צוזאמענפאהר אין באזעל.

אנדערע לעגען פאר, מע זאל בעסער דערציילען דעם עולם מעשה-קישינוב. גלייך ווי מע וואלט שוין ניט אלעם געוואוסט מיט אלע פיטשטשעוקים פון די צייטונגען. א פנים א יוד האט ליב צו דערציילען פון די עשר מכות טאקי ביז'ן ווייסען טאג אריין. צום גליק זענען ביידע פארשלעגע פון דער אספה ניט אנגענומען געווארען. מע האט אויסגעקליבען א ביורא, אין וועלכען דאקטאר קאהן-בערנשטיין איז אריין אלס פרעזידענט, די הערען ראזענבוים און דיזענהאף אלס וויצעפרעזידענטען, פינקעלשטיין און ל. יפה אלס סעקרעטערע. דערנאך האט זיך די פערזאמלונג אויפגעשטעלט צום טרויעריגען אנדענקען פון די קדושים אין קישינוב. עס האט זיך געמאכט א שמועס וועגען דער איצטיגער לאגע פונ'ם ציוניזם און פון דעם דאזיגען שמועס איז דער עולם אזוי צעהיצט געווארען, אז ער האט אנגענומען איין החלטה בזה הלשון:

מיר אלע רוסישע ציוניסטען שווערען, אז מיר וועלען אייביג בלייבען געטריי דעם ציוניזם, און וואס עס זאל ניט פארקומען ארום אונז אין דער אויסענוועלט וועלען מיר פון אונזערע פאסטען ניט אבטרעטען.

די בעגייסטערונג, וועלכע די דאזיגע רעזאלוציאן האט געפונען צווישען די ציוניסטען און די שטארקע הסכמות, מיט וועלכע מע האט

זי בעגריסט, זענען ווירקליך ווערט צו בעצייכענען, דאס ווייזט אונז, אז אונזערע ברידער ציוניסטען זענען שוין גאנץ גוט פארשטאלצען געווארען מיט זייער ארבייט און קאנען זיך פון איהר בשום אופן ניט אבזאגען, אז זיי זענען חוץ דעם שוין אזוי ווייט אויסגעוואקסען, אז מיט א חדר-קאנטשעק שרעקט מען זיי שוין ניט אפ, און, וואס דאס וויכטיגסטע איז, אז דער אידעאליזם אין דעם ציוניזם איז נאך גרויס גענוג, אז דעם ציוניזם האבען זיי אויפגעפאסט ניט ווי שונאים זא־גען אלס א בעל-הבתי'שע מאדע-זאך. ניין! אונזערע ציוניסטען זענען גרייט פאר זייער זאך עפּיס מעהר מקריב צו זיין אלס א שעה שלאפען נאך א זאטען אנבייסען!

די צווייטע זיצונג.

דעם אנדערען אין דער פריה, דאנערשטאג איז עס געוועזען, האט זיך די אספה פון די רוסישע ציוניסטען ערשט באמת אנגעהויבען.

הער ט ע מ ק י ן האט אנגעהויבען פארצולעזען דעם ראפארט פונ'ם יאהר. פון דעם חשבון זעהען מיר ארויס, אז אין דעם יאהר האט זיך די ציוניסטישע ארבייט אין רוסלאנד א שטארקען רוק געטאן פארווערטס.

דעם ראפארט אייגענטליך האט געדארפט צונויף שטעלען דער פיהרער פונ'ם אינפארמאטיווען צענטר הער דאקטאר י א ק א ב ז א ה ן, נאר ווייל ער איז קראנק געוועזען האט ער די ארבייט איבערגעגעבען טעמקינען. הער טעמקין איז אבער אויסער דעם אויך גענוג בעשעפ־

טיגט מיט זיין ראיאן, און צולעצט האט ער נאך געמוזט איבערנעמען אויך דעם ראיאן פון הערן אוסישקין, ווייל ער איז אוועק געפאהר־קיין ארץ־ישראל. דאס אלעס האט געבראכט דערצו, אז דער ראפארט איז ניט פאלקאמען געמאכט געווארען. א סך ידיעות פעהלען אין איהם, ווייל א טייל ראיאן־פארשטעהער האבען גאר קיין ידיעות ניט צוגעשיקט פון זייערע ראיאנען און א טייל האבען געשיקט צו שפעט אזוי, אז עס איז שוין ניט מעגליך געווען. זיי אנצושליסען אינ'ם ראפארט.

פון דעסטוועגען קאן מען שוין פון דעם ביסל ידיעות, וואס האט זיך געפונען אין זיינע הענט, און וועלכע זענען גאר ביז צום ערשטען יוני, דאס הייסט ביז צוויי חדשים פאר'ן קאנגרעס, פונקט די צוויי חדשים, אין וועלכע די ציוניסטישע ארבייט ווערד געוועהנליך שטארקער — אז די צאהל פון די ציוניסטען איז אין דעם לעצטען יאהר שטארק געוואקסען. די ערטער אין רוסלאנד, וואו דער ציוניזם האט זיך געפונען א נעסט, זענען פאראיאהרען געווען בסך־הכל 648, אצינד אבער זענען זיי 896, דאס הייסט די צאהל פון די ציוניסטישע מקומות האט זיך פארגרעסערט אין דעם יאהר אויף 38 פראצענט.

און אז די צאהל פון די ערטער ווערד מעהר איז שוין ממילא אויך די צאהל פון די אגודות מעהר. און באמת זעהען מיר, אז פאר־איאהרען, האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע געצייהלט 1046 אגודות, היינט צייהלט זי שוין 1572 אגודות, חוץ א גאנצע מאסע פון אגודות, וואס די ארגאניזאציע רעכענט זיי ניט אין איהר חשבון, ווייל זיי האבען

נאך ניט דערפילט די פאָרדערונגען, וואס דער מינסקער צוזאמענפאהר האט געשטעלט.

א טייל פון די אלטע אגודות זענען אין דעם יאהר, ווי אלע יאהר, אבגעפאלען, מחמת פארשידענע סבות. אמאל מחמת די ארבייטער פון דער אגודה זענען זיך צעפאהרען, א מאל ווייל א טייל פון דער אגודה האבען זיך אויסגעשלאָסען און געמאכט איין אנדערע נייע אגודה און דעסגלייכען. דאך איז צו בעמערקען, אז היינטיגס יאהר האבען זיך אזוינע זאכען געטראפען וועניגער ווי אין די פריהעריגע יאהרען, דאס איז א סימן, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע ווערד וואס א מאל שטארקער און געזונטער.

די דיסציפּלינע אין די אגודות איז אויך געוואָרען אין דעם יאהר שטארקער. די ראיאָנער מורשים קאָנען זיך היינט וועניגער בעקלאגען אויף די אגודות פאר ניט שרייבען אדער ניט ענטפערען אויף אנפראגען, — דאס ווייזט אויך, אז דאס בעוואוסטזיין איז ביי די אגודות שטארקער און קלארער געוואָרען.

די צאהל פון די שקלים קאָנען מיר ניטפּונקטליך איבערגעבען, ווייל א סך אגודות האבען נאך ניט אריין געשיקט זייערע ליסטען; נאר פון דעם געלד, וואס ס'איז שוין אנגעקומען אין פינאנסעוויע צענטר, זעהט מען, אז עס בעטרעפט כמעט $2^1/_2$ מאל אזוי פיעל ווי פאר א יאהרען, אמת אין דעם געלד איז דא א גרויסע סומע אבגעשיקטע געלדער פאר פריהעריגע יאהרען, נאר אפילו נאכדעם ווי מען וועט די דאזיגע סומע אבּרעכענען, וועט נאך אלץ זיך ארויסשטעלען

אַ גרויסע צוזאַמקס פון שקלים אין היינטיגען יאָהר. די ציפערען, וואָס מיר האָבען פאַר דער האַנט, זאָגען, אַז אויף דעם היינטיגען יאָהר איז אָבגעשיקט געוואָרען שקלים בערך 50 טויזענט רובל און פאַר די פריהעריגע יאָהרען — בערך 40 טויזענט רובל.

פאַר'ן נאַציאָנאַל-פּאָנד איז אין דעם לעצטען יאָהר צונויפגעקליבען געוואָרען בערך 130 טויזענט רובל, פון דעם דורך מאַרקען בערך 60 טויזענט רובל, און דאָס איבעריגע דורך אַלערליי נדבות און דורך דעם גאָלדענעם בוך. דערפון דאַרף מען אָבלערנען, אַז די מאַרקען זענען גאָר ניט דער איינציגער וועג אויפצוקלויבען געלד פאַר'ן נאַציאָנאַל-פּאָנד און מע וואָלט געדאַרפט אַרום קלערען אַלערליי וועגען און מיטלען ווי אַזוי נאָך מע קאָן זאַמלען פאַר דעם הייליגען צוועק.

וועגען דער באַנק האָט מען אין דעם יאָהר ווייניג געאַרבעט. פּשוט דערפאַר, ווייל די אָרימע קלאַסען האָבען זיך שוין אויסגעשעפּט און די רייכערע זענען ביז היינטיגען טאָג געבליבען ניט גערירט פון די יודישע צרות מיט זייערע שטיינערנע הערצער און ווילען ניט געבען אַ קאָפּיקע.

פון דעסטוועגען זאָגען אונז די ידיעות פון בלויז 6 ראַיאָנען אַז זיי האָבען פאַרקויפט 1600 נייע אַקציעס און איינקאַסירט פאַר אַלטע אַקציעס איין ערך פון 6000 רובל.

דער עיקר השתדלות אָבער פון די אגודות איז געווען אין דער אַרבייט, וועלכע מע רופט קולטורנע, ד"ה גרינדען חדרים און ביבליאָטעקען, פאָרלעזונגען און אַגיטאַציאָנס-פאַרזאַמלונגען. דער רעפע-

רענט לייענט פאר א גאנצען צעטעל, זעהר אינטערעסאנטעס, פון די אלערליי גרינדונגען, וואס ציוניסטען האבען אין פארשידענע שטעדט געגרינדעט. נאר איך האב ניט געקאנט אזוי גיך נאכשרייבען די פיעלע אונ פארשידענע ציפערען, אונ די הבטחה, וואס דאס פרעזידיום האט אונז מבטיח געוועזן, דאס מאטעריאל צו פובליצירען, האט עס נאך ניט מקיים געוועזן.

אין דער אגיטאציע איז אויך זעהר פיעל אין דעם יאהר געטאן געווארען. אויסער די צירקולארען פון די מורשים, זענען פארשיקט געווארען א מענגע פון צעהנער טויזענטער בראשורען אויף פארשידענע ציוניסטישע ענינים.

דער ציוניזם ציהט זיך איינאיינעם מיט דער רוסישער פאליטיקע קיין מזרח. אין מאנדזשוריע זענען שוין אויך דא ציוניסטישע גרופען אונ פון פערסיע האבען א גרופע אנוסים, (ד"ה יודען וואס די פערסער האבען זיי געניים אנצוגעמען דעם מאחמעדאנישען גלויבען, אונ וואס מוזען זיך געביך מיט זייער יודישקייט בעהאלטען אין די קעלער'ס) אונז אריין געשיקט 50 שקלים אונ פאר 450 אקציעס. געוועהנליך מוזען מיר די געטען פון די אומגליקליכע יודעי האלטען בסוד, ווייל דאס קאן זיי חלילה קאסטען דאס לעבען.

אויסערדעם האבען די ציוניסטען אין דעם יאהר, ווי אין אלע פריהעריגע יאהרען, אונ אביסל אפשר נאך מעהר, געארבעט פארין אדעסער קאמיטעט, פאר דער חברה „גאולה", וואס איז געגרינדעט גע־

וואָרען אין אַדעם אויף אויסצוקויפען די ערד פון גויעשע הענט און פאַר'ן כרמל־ווײַן.

גיט צו רעכענען די אַלע שטאָדט־אַרבייט פון צרכי־צבור, וואָס די ציוניסטען בעטייליגען זיך אין איהר תמיד זעהר לעבעדיג, האָבען זיי היינטיגעם יאָהר געהאַט איין עקסטראַ שווערע אַרבייט:

די מעשה פון קישינוב האָט דאָך אויפגעוועקט דאָס גאַנצע יודישע פאָלק. נאָר מעהר פון אַלע האָבען געאַרבעט דערביי די ציוניסטען. 80 פּראָצענט פון אַלע געלד־בריף, וואָס זענען אָנגעקומען קיין קישינוב, האָבען אויף זיך געהאַט מאַרקעס פונ'ם נאַציאָנאַל־פאָנד וועלכעס ווייזט, אַז דאָס געלד איז געזאַמעלט געוואָרען דורך ציוניסטען.

אָט דאָס גאַנצע בילד פון „לעבעדיגען" לעבען און ריהריגקייט, וואָס דער ראַפּאָרט שטעלט אונז פאָר פון דער ציוניסטישער אַרבייט אינ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהר, איז נאָר צו פאַרדאַנקען דער אַגיטאַציע, וואָס איז געפיהרט געוואָרען דאָס יאָהר און וואָס איז אפשר אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער מינסקער אספה. נאָר אָט דאָ צום לעצט האָבען געטראָפען סבות, וואָס האָבען ווי אָבגעהאַקט די אַרבייט פונקט ווען זי האָט זיך שטאַרק צעוואַקסען. לאָמיר אָבער האָפען, אַז די נעכטיגע רעזולוציע אונזערע וועט ניט נאָר זיין אַ שיינע מליצה־ נאָר איין ערנסטע החלטה, וועלכע מיר וועלען פונקטליך אויספאָלגען און אונזערע אַרבייט וועט ווידער אַ מאָל אויפבליהען! (דאָס בראַוואָ־קלאַטשען דויערט לאַנג).

דִי דְרִיטֶע זִיצוּנְג דָאנֶערְשְׁטָאג נָאכְמִיטָאג.

סֶע וֶוערֶען גֶעעֶפֶענְט דִי דֶעבַּאטֶען וֶועגֶען דֶעם רַאפָּארְט פוּן דִי מוֹרְשִׁים. מֶענוֹת אוּנ מֶענוֹת וֶוערֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאכֶען פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע דֶעלֶעגַאטֶען. מִיר וֶועלֶען דָא נִיט אִיבֶּערְגֶעבֶּען דִי וֶוערְטֶער פוּן אַלֶע דֶעלֶעגַאטֶען, דָאס אִיז פַארְ'ן פָּשׁוּטְ'ן לֶעזֶער נִיט אַזוֹי וִויכְטִיג. מֶעהר אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז צוּ דֶערְצֵייהלֶען דִי הוֹיפְּט־פּוּנְקְטֶען, אִין וֶועלְכֶע דִי דֶעלֶעגִירְטֶע, הָאבֶּען אוֹיסְגֶעדְרוּקְט זֵייעֶר אוּמְצוּפְרִידֶענְהֵייט מִיט דֶער טֶעטִיגְקֵייט פוּן דִי מוֹרְשִׁים.

עֶרְשְׁטֶענְס הָאט מֶען דִי מוֹרְשִׁים בֶּעשׁוּלְדִיגְט, אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ צוּפִיעל פַארְלָאזְט אוֹיף דִי יְדִיעוֹת, וָואס דִי אֲגוּדוֹת טֵיילֶען זֵיי מִיט, אוּנ אוֹיף דֶעם סֶמֶךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז אִין דִי אֲגוּדוֹת וֶוערְד גֶעאַרְבֶּעט אִין אַלֶע עִנְיָנִים פוּנְ'ם צִיוֹנִיזְם: אִין אֱמֶתְ'ן אָבֶּער, וֶוען מֶען זָאל זִיךְ גוּט צוּקוּקֶען אִין דִי אֲגוּדוֹת, אִיז דִי אַרְבֵּייט דָארְט גָאר נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק. דִי אֲגוּדוֹת פַארְנֶעמֶען זִיךְ פִיעל מֶעהר מִיט עֶנְגֶע פֶערְאֵיינְס־אִינְטֶערֶעסֶען.

דַאן הָאט מֶען גֶעוִויזֶען אוֹיף דֶעם, אַז דִי מוֹרְשִׁים טְרֶעטֶען אָפְּטְמָאל אָפּ פוּן דֶער צִיוֹנִיסְטִישֶׁער פְּרָאגְרַאמֶע, אוּנ זֶענֶען זִיךְ מִשְׁתַּדֵל פַאר קְלֵיינֶע קָאלָאנִיזַאצִיֶע.

דִי פְּרַאקְצִיֶע הָאט זִיךְ גֶעקְלָאגְט, אַז אַ טֵייל פוּן דִי מוֹרְשִׁים הָאבֶּען זִיךְ צוּ פַּארְטֵייאִישׁ פַארְהַאלְטֶען צוּ דִי מִזְרָחִיִים אוּנ אִין אֵיינִיגֶע בְּרִיף זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אַז דִי פְרֵייעֶ יוּנְגֶע לַייט פַארְדַארְבֶּען דֶעם צִיוֹנִיזְם. דִי יוּנְגֶע לַייט, מֵיינֶען, אַז אַ צִיוֹנִיסְטִישֶׁער מוֹרְשֶׁה דַארְף גֶע־

דענקען, אַז אין ציוניזם שטעהען אַלערליי פּאַרטייען גלייך בערעכטיגט און קיין איינציגער פון זיי דאַרף ניט בעליידיגט ווערען.

ווייטער בעשולדיגט מען דאָס אַקציאָנס-קאָמיטע, פאַר וואָס סע האָט געגעבען דעם „מזרחי" 1200 רובל ניט האָבענדיג דרויף קיין רעכט; פאַר וואָס זיי האָבען ניט געזאָרגט, אַז מיר זאָלען האָבען אַ ציוניסטישע אייגענע צייטונג אין רוסישען, וועלכע זאָל אונזערע אידעען שיצען אַקעגען אַנפּעלע פון די געגנער.

אַנדערע ווידער טענה'ן, אַז מיר האָבען ווייניג אַגיטירט אין דעם פאָלק. בעזונדער זענען ווענען דעם אומצופרידען די פּאַרטרעטער פון די „פּועלי-ציון". זיי מיינען, אַז אויב מיר וועלען אונזערע בעוועגונג אויסהיילען פון דעם בעל-הבית'שען פּנים, וואָס זי האָט דאָ נישט לאַנג בעקומען, אויב מיר ווילען, אַז אונזער בעוועגונג זאָל זיין און בלייבען אַ לעבעדיגע און געזונטע פאָלקס-בעוועגונג, מוזען מיר זיך קודם כל שטיצען אויף די ברייטע פאָלקסמאַסען און דער עיקר אויף די אַרבייטער, וועלכע טראָגען תמיד אויף זייערע פּלייצעס די מענשליכע בעוועגונגען און וועלכע זענען דער איינציגער קלאַס, וואָס דער ציוניזם איז פאַר זיי בעשאַפען. נאָר דער קלאַס איז פעהיג זיך פאַר דער אידעע מקריב צו זיין, און אין זיינע הענט קאָנען מיר דעם ציוניזם אַנפערטרויען.

אָט דאָס זענען בערך די טענות ומענות, וואָס מע האָט אַרויס געזאָגט ווענען דער רעכענשאַפט פונ'ם רוסישען אַקציאָנס-קאָמיטעט. נאַטירליך האָט יעדער רעדנער זיך בעמיהט זיינע רעדען אָנצוקליידען

אין א מלבוש פון שענע מליצות און שלאגווערטער, וועלכע זאלען דעם עולם געווינען אויף זייער זייט. נאר איך רעכען, אז פאר אונזערע לעזער איז אינטערעסאנט ניט די פארם, אין וועלכער עס איז גע-זאגט געווארען, נאר דער תוכן, וואס עס איז געזאגט געווארען. רעדעס וועלען מיר האבען נאך גענוג פונ'ם קאנגרעס אליין.

די פיערטע זיצונג פרייטאג אין דער פריה.

אין דער פיערטער זיצונג ווערען ווייטער געפיהרט די ווכוחים וועגען דער רעכענשאפט. נאר דערביי איז דער עיקר געקומען צו שפראכע דער חילוק צווישען די קולטורנע און פאליטישע ציוניסטען. איך וועל פון אלע רעדעס זיך אבשטעלען נאר אויף צוויי: דאקטאר אווינאוויצקיס, אלס פאליטישער ציוניסט און דאקטאר ווייצמאנ'ס, אלס קולטורנע פראקציאנער.

דאקטאר אווינאוויצקי הויבט אן:

איך בין געקומען אהער הערען א טראגעדיע פון אונזער לעבען, צום סוף האט אונז דער חשבון פון די מורשים פארגעשטעלט א קאמע-דיע (אונצופרידענהייט). דער חשבון איז א הוילער קונצשטיק, אזוי קינסטליך צונויפגעשטעלט, אז די הערער זאלען דערפון אבלערנען די גרויסקייט און שיינקייט פון דער קולטור-ארבייט.

די קולטור-ארבייט, זאגט דער חשבון, איז פאר'ן ציוניזם אזוי נייטיג ווי וואסער פאר א דורשטיגען. זעהר שען! אבער פארוואס דער-צייהלט אונז דער בעריכט גארניט וועגען דעם ווי סע פעהלט אונז

לַאנְד? אִיהר װֶעט דָאךְ מוֹדֶה זַיין, אַז אוֹיב קוּלְטוּר אִיז װַאסֶער, אִיז לַאנְד דִי לוּפְט, אָהן װֶעלְכֶער מֶען קָאן נִיט אָטְמֶען. פַארְװָאס זֶשֶע װֵייסְט דֶער בֶּערִיכְט נִיט צוּ דֶערְצֵייהלֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען אוּמְגְלִיק, װָאס הֶערְשְׁט אִין׳ם יוּדִישֶׁען גֶעטָא, פוּן דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער עֶמִיגְרַאצִיאָן־בֶּעװֶעגוּנְג, װָאס עֶר אִיז אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט אוֹיסְגֶעבְּרָאכֶען אִין אַלֶע װִינְקֶעלֶעךְ פוּן דֶער יוּדִישֶׁער װֶעלְט? פַאר װָאס װַארְפְט דֶער בֶּערִיכְט נִיט קַיין אֵיינְצִיגֶען שַׁיין אוֹיף דִי דָאזִיגֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע פְרַאגֶע, װֶעלְכֶע דַארְף דָאךְ זַיין דֶער עִיקָר פוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶער אַרְבֵּייט?

אִיבֶּערְגֶעהֶענְדִיג צוּ דִי פְּרַאקְצִיאָנְס־פַארְהֶעלְטְנִיסֶע, זָאגְט הֶער אַװִינָאװִיצְקִי, אַז דִי פְּרַאקְצִיֶע הָאט אֵייגֶענְטְלִיךְ קַיין רֶעכְט נִיט צוּ קוּמֶען אַהֶער אַלְץ אַ בֶּעזוּנְדֶער פַּארְטֵיי, נָאכְדֶעם װִי זֵיי הָאבֶּען אִינ׳ם גַאנְצֶען יָאהר נִיט גֶעאַרְבֶּעט! דֶער רֶעדְנֶער אִיז אוֹיסְגֶעװֶען אִין אַ סַךְ שְׁטֶעדְט אוּנ הָאט אִין עֶרְגֶעץ נִיט בֶּעגֶעגֶענְט עֶמִיצֶען פוּן דֶער פְּרַאקְצִיֶע.

ד״ר װַייצְמַאן עֶנְטְפֶערְט אִיהם אָבֶּער דְרוֹיף, אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶען טָעוּת. בֶּעגֶעגְנֶען הָאט מֶען שׁוֹין עֶמִיצֶען גֶעקָאנְט. נָאר דָאךְ אִיז ד״ר װַייצְמַאן מוֹדֶה, אַז דִי פְּרַאקְצִיֶע הָאט װֶענִיג גֶעאַרְבֶּעט. װֶער אִיז אָבֶּער שׁוּלְדִיג דְרִינֶען? פְרֶעגְט װַייצְמַאן מִיט הָארֶץ. אַ װַדַאי אִיהר, שׂוֹנְאִים פוּן דֶער פְּרַאקְצִיֶע, װָאס אִיהר הָאט װֶעגֶען אוּנְז אַזוֹינְס דֶערְצֵייהלְט, אַז עֶס אִיז אוּנְז גֶעװָארֶען אוּנְמֶעגְלִיךְ אַיין עֶרְנְסְטֶע אַרְבֵּייט צוּ אַרְבֵּייטֶען. אִיךְ װֵייס נִיט צִי אִיהר הָאט עֶס מִיט כַּװָנָה גֶעטָאן. אִיךְ רֶעכֶען גִיכֶער, אַז אִיהר הָאט נִיט גֶעװוּאוּסְט אַלֵיין װָאס פוּן אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים קָאן אַרוֹיסְקוּמֶען. נָאר אוֹיב אִיהר הָאט יָא גֶעװוּאוּסְט, הָאט

איהר אויף זיך גענומען א חטא, וועלכען איהר וועט ניט אזוי גיך קא־
גען אבווישען.

די פינפטע זיצונג פרייטאג נאך מיטאג.

— די מורשים ענטפערען אויף דער קריטיקע פון די דעלעגיר־
טע. צוערשט רעדט טעמקין, דער מחבר פונ'ם ראפּארט. ער איז
ענטשידען ניט מוסכם מיט די וואס זאגען, אז די ארבייט פון די ציוי־
ניסטען איז קליין. די ציוניסטען זענען דער ריהריגסטער און לעבעדיגס־
טער טייל פון דעם יודישען פאלק.

ווען הער אוסישקין איז געבליבען אין ארץ־ישראל איז עס
דערפאר ווייל זיין ארבייט איז דארט זעהר וויכטיג. הער אוסישקין,
וואס האט געקאנט אוועקווארפען 2 קינדער אויפ'ן טויטען בעט און
פאהרען אויפ'ן קאנגרעס, פארשטעהט שוין די וויכטיגקייט פון א
קאנגרעס.

וועגען „גאולה" האבען א טייל פון די מורשים געארבעט, ווייל
זיי געפינען פאר נייטיג, אז מע זאל די ערד אין ארץ־ישראל אויס־
קויפען. אפילו ווען זי וועט אריינפאלען צו פריוואט־מענשען אין די
הענט איז נאך אלץ גלייכער איידער זי זאל אריין צו פרעמדע אומות
אין די הענט. זאלען מיר דען ווארטען פארלעגט די הענט ביז דייטשען
און פראנצויזען וועלען די ערד האבען אויסגעקויפט?

וועגען א צייטונג האבען די מורשים פיעל געקלערט און וועגען
דעם געטאן. פאר וואס זיי האבען ניט דעם געדאנק אויסגעפיהרט קאן
מען פאר אזא גרויסע פובליקא ניט זאגען, נאר ער איז גרייט צו געבען

דרויף איין ענפער א קליינער קאמיסיע, וואס די דעלעגאטען וועלען אויסקלויבען.

ד״ר קאהן־בערנשטיין ערקלערט די וויכטיגקייט פון דער קולטור־ארבייט, אז זי טראגט אריין לעבען אין די ציוניסטישע אגודות. ער איז ענטשידען א קעגען די וואס מיינען, אז שקלים קלויבען, אקציעס פארקויפען איז ניט קיין וויכטיגע זאך, אבער אויך א קעגען די וואס האלטען דאס אליין פאר גענוג. דאס הייסט זיך פארשליסען אין א לאך, וואו דער ציוניזם קאן דערשטיקט ווערען.

איבערגעהענדיג צו די ציוניסטישע פארטיעס געפינט ער, אז א פארטיי־מאן טאר זיך ניט בעגרענצען נאר מיט זיינע אידעען, ער דארף אויך יענעמס אידעען שטודירען. ער למשל האט גוט דורכ־שטודירט די למודים פון אונזערע מתנגדים און ווען ער איז א קעגען זיי, איז עס ניט ווייל ער וויל עמיצען געפעלען, נאר ווייל ער איז איבערציינט אין דער פאלשקייט פון זייערע דעות. ער קאן זיך דעריבער רוהיג בארען מיט דער ארטאדאקסיע וואו זי איז, צי ביי אונזערע מזרחים, צי ביי זייערע בונדיסטען.

דער סאפאצקינער רב ראבינאוויץ פארענטפערט זיך, אז ער האט קיינמאל ניט אויסגענוצט זיינע בריף לטובה פון איין פארטיי. ווען זיינע בריף זענען אינ׳ם גייסט פון דער פרומער פארטיי, איז עס פשוט, ווייל ער קאן אנדערש ניט שרייבען, נאר ווי ער פיהלט און דענקט.

ד״ר יאקאבזאן שטעהט אויף א קעגען די דעלעגאטען, וואס

מַעֲנֶה'ען אִינְ'ם נָאמֶען פוּן דֶעם פָּאלִיטִישֶׁען צִיוֹנִיזְם, גְלַייךְ זַיי וואלְטֶען נָאר אַלֵיין גֶעוֶוען פָּאלִיטִישֶׁע צִיוֹנִיסְטֶען.

דֶער רֶעדְנֶער מֵיינְט, אַז אויךְ דִי קוּלְטוּר־צִיוֹנִיסְטֶען זֶענֶען פָּאלִיטִישֶׁע ווַייל זַיי שְׁטֵעהֶען אוֹיף דֶעם בַּאזֶעלֶער פְּרָאגְרַאם, וֶועלְכֶעס הַאלְט אִין זִיךְ 4 פּוּנְקְטֶען. דֶער אֵיינֶער פוּן זַיי רֶעדְט פוּן קוּלְטוּר־אַרְבֵּייט.

ד״ר טְשְׁלֶענָאוו הַאלְט זֵעהר אַ שֵׁיינֶע רֶעדֶע, אִין וֶועלְכֶער עֶר עֶרְקְלֶערְט, אַז דֶער צִיוֹנִיזְם אִין זַיין רַאיָאן אִיז מֶעכְטִיג אוֹיפְגֶעוואַקְסֶען. דֶערְנָאךְ גֵעהט עֶר אִיבֶּער צוּ דֶער עֶרְקְלֶערוּנְג, אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נִיט הַאלְטֶען נָאר בַּיי דִי אוֹיסֶענְוֶוינִיגְסְטֶע פָאַרְמֶעלֶען, אַז דֶער אִיז נָאר אַ צִיוֹנִיסְט וֶוער סֶע צָאהלְט אַ שֶׁקֶל. אַ צִיוֹנִיסְט אִיז דֶער עִיקָר דֶער, וָואס לֶעבְּט אִין גַאנְצֶען אִינְ'ם צִיוֹנִיזְם אוּנ אִיז אִיבֶּערְגֶעבֶּען דֶער יוּדִישֶׁער שְׁפְּרַאךְ אוּנ דֶער יוּדִישֶׁער לִיטֶעראַטוּר, ווַייל אִין דֶער יוּדִישֶׁער לִיטֶעראַטוּר אִיז דֶער מָקוֹר פוּנְ'ם יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען.

צוּם סוֹף עֶרְקְלֶערְט עֶר, אַז אַסַךְ פֶּעהלֶערֶען פוּן דֶעם אַקְצִיאָנְס־קָאמִיטֶעט אִיז דֶערְפַאר, וָואס זַיי זִיצֶען צֶעשְׁפְּרֵייט אִין פַארְשִׁידֶענֶע עָרְטֶער פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ מִיט דִי פֶּעהלֶערֶען וֶועלֶען מִיר מוּזֶען רֶעכֶענֶען אַזוֹי לַאנְג בִּיז אוּנְזֶער קָאמִיטֶעט וֶועט זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אֵיין אָרְט — אִין דֶעם לַאנְד פוּן דִי אָבוֹת! (שְׁטוּרְם פוּן אַפְּלָאדִיסְמֶענְטֶען)

ד״ר יֶעלְסְקִי רֶעדְט פוּן אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה, דָאס הֵייסְט מֶע זָאל בֶּעסֶער ווֵענִיגֶער רֶעדֶען, וֶועט בְּמֵילָא אַרוֹיסְקוּמֶען מֶעהר אַרְבֵּייט. עֶר זָאגְט ווַייטֶער, אַז צוּם צִיוֹנִיזְם אִיז נָאךְ נִיט גֶענוּג צוּ זַיין

העברייאיש געבילדעט. מע דארף זיין אויפגעצויגען א ביסל אין יודיש רעליגיעזען גייסט.

וועגען די אגודות אבער, פאר וואס זיי זענען ניט אזוי לעבעדיג עוסק, מיינט ער, אז דערין איז שולדיג די מחלוקת, וואס קומט אפט מאל ארוים אין די אגודות איבער פוסטען כבוד. מיר דארפען נאר זוכען מיטעל דאס שלאפקייט אויסצוהיילען.

מע האט איהם קריטיקירט, וואס ער האט אין זיין ראיאן ווענינ געטאן, נאר ראשית מיינט ער, אז קריטיקירען קאן מען נאר, ווען ס'איז יא עפים געטאן, ניט פארקעהרט, דען פון וואנען ווייסט מען וואס ס'איז געוועען צו טון?

ושנית האט איהר א ברירה, זאגט ער, מיך מעהר ניט אויסצו־קלויבען. איך וועל דעריבער ניט ברוגז ווערען; צום קומענדיגען קאנ־גרעס געפינט איהר מיך ווידער אויף דעם אייגענעם ארט!

די זיצונג איז לכבוד שבת געשלאסען פריהער ווי שטענדיג.

די זעקסטע זיצונג שבת צונאכטס.

די זיצונג מוצאי שבת איז געווידמעט געוועען הויפטזעכליך דער רעכנונג פונ'ם פינאנץ־ביורא.

פאר אלעם דרוקט דער פרעזידענט אויס דאס בעדויערען וועגען דעם אינצידענט, וואס האט זיך געטראפען שבת ביי טאג אין אייגעם פו די האטעלם, נעמליך, האט הער ד"ר אלפרעד נאסיג צונויפגערופען איין אספה פון דעלעגאטען, צו קריטיקירען דעם ציוניזם. דער רעדנער

אבער האט זיך ערלויבט פערזענליך אנצוגרייפען די פיהרער פון רעד בעוועגונג, ד"ר הערצל אונ ד"ר גארדוי, דעריבער איז ארוים א שקאנדאל. פיעלע דעלעגאטען האבען פראטעסטירט אונ דעם רעדנער בשום אופן ניט געלאזען ווייטער רעדען.

הער זלאטאפאלסקי פון קיוב לייענט פאר דעם חשבון פון די געלדער. פון איהם זעהען מיר, אז אין רוסלאנד איז אין דעם יאהר צוזאמען געקליבען געווארען שקלים 42378 רובל, פאר די פריהעריגע יאהרען איז איינגעלויפען שקלים-געלד 19634 רובל. בסה"כ אלזא בערך 62 טויזענט רובל. פון דעם געלד האט מען אבגעשיקט קיין ווין 31 טויזענט רובל, דער פינאנץ-צענטר האט געקאסט 25000 רובל דער אינפארמאטיאנער ביורא — 439 רובל, ביי די מורשים אין די ראיאנען איז אוועקגעגאנגען איניינעם 13500 רובל, די נסיעות פון די מורשים האט געקאסט בערך 1600 רובל אונ מותר איז דא אין קאסע איין ערך פון 13600 רובל.

נאך א קליינער דעבאטע וועגען דעם חשבון ווערד אויסגעקליבען א קאמיסיע, צו רעווידירען די ביכער אונ ד"ר מאנדעלשטאם דריקט די פארזאמלונג אוים איהר דאנק דער פאר וואס די חשבונות זענען ביי איהם אין אזא גוטער ארדנונג.

ד"ר פאסמאניק האלט א רעדע וועגען דער פראגע פון קויפען ערד אין ארץ-ישראל. ער ווייזט אוים, אז דער נאציאנאלפאנד טאר לע"ע ניט קויפען קיי ערד, וויל דער פאנד קאן אליין די ערד ני

בעזעצען, ווייל דאס איז דאך אקעגען דער פראגראמע פונ'ם פאליטישען ציוניזם, אונ לויט די טערקישע זאקאנעס, אז מע לאזט די ערד ניט בעארבייט דריי יאהר פארלירט מעי אויף איהר דאס בעזיצערעכט.

סע מעלדען זיך צום ווארט א גאנצע מענגע רעדנער, וועלכע ווילען רעדען וועגען דיזער פראגע, נאר דער עולם איז זעהר מיד. ס'איז שוין נאך צוועלף אונ מארגען הויבט זיך אן דער קאנגרעס. מע שליסט דעריבער די זיצונג. בפרט, אז די אייגענע פראגע וועט מען נאך צייט האבען צו בעהאנדלען אויפ'ן קאנגרעס אליין.

די ערעפנונג פונ'ם קאנגרעס.

דער קאנגרעס־זאל האט זיך שוין פון 8 א זייגער אנגעהויבען אנפולען מיט מענשען, די צושטרעמונג פון געסט איז זעהר גרויס, יעדער וויל בעקומען איין איינטריטסקארטע, נאר יעדען צו געבען איז אוממעגליך. מע וויל צאהלען א סך געלד. א קריסטליך פרייליין האט געגעבען 100 רובל אויף דעם נאציאנאל־פאנד, מע זאל איהר געבען די מעגליכקייט אריין געהן אין קאנגרעס.

זייגער 10 איז אויף דער טריבינע ערשיענען דאקטאר הערצל אונ דאס גאנצע אקציאנס־קאמיטע, א שוין עקליכער יובעל האט אויסגעבראכען. דאס פאלק האט בעגריסט זיין ליבלינג.

דאקטאר הערצל עפענט דעם זעקסטען קאנגרעס.

די ערעפנונגס־רעדע געבען מיר דא כמעט ווערטליך:

צום זעקסטען ציוניסטען־קאנגרעס פערזאמלען מיר זיך דא אין דער גוטער שטאדט באזעל, וועלכע האט שוין לאנג פארדיענט אונזער דאנק. מיר פערזאמלען זיך ווידער אין זארגען און האפנונג.

די לאגע פון די יודען אין דער גאנצער וועלט איז געוויס ניט בעסער ווי אין די פריהעריגע קאנגרעס־יאהרען. וואס מיר האבען אין די פריהעריגע יאהרען געזאגט וועגען דיזער לאגע, דאס קאן מען היינט אויך זאגען. אמת, סע האט זיך עפיס אונטער דער צייט געענדערט,— אבער געראד ניט צום בעסערען. פיעל פון אונז האבען געמיינט: עס קאן שוין ערגער ניט ווערען, סע איז אבער ערגער געווארען. ווי א חוואליע האט זיך די עלענד אנגערוקט אויף די יודען. אלע מענ־ליכקייט צו לעבען זענען אבגענומען געווארען. ווען דאס לייקענען אב די, וועלכע זיצען געשיצט אין די הויכע פענסטער — איז עס ניט קיין גוטער סימן פאר זיי אליין. מיט דעם אבער וואס מ'איז מודה, אז עס געהט די יודען שלעכט, איז נאך נישט פיעל געהאלפען, דאס פיהרט העכסטענס צו צדקה־געבען, וואס איז פיר זיך בוודאי זעהר רעכט, נאר דאס קאן אבער דאך נישט אנגענומען ווערען, ווייל די בעטרעפענדע מיינען, אז זיי האבען דאמיט שוין גענוג געטון. „נו, מילא, מע טהוט וואס מע קאן!‟ דאס איז זעהר לייכט צו זאגען, עס איז אפשר דא מענשען, וואס האלטען זיך עס פאר א גוטס, ווען זיי געבען א נדבה, נאכדעם זיי האבען אין דער מארגענצייטונג איבער א שרעק־ליכער שחיטה אונטער יודען געליינט, נאר דאס איז אבער נישט גע־נוג. דאס געלד גיט נישט צוריק די הרוגים זייער לעבען, נישט די

יתומים זייערע עלטערן. און ווי אזוי וויל מען מיט זאלכע מיטלען דעם פחד פון יענע היילען, וואס אזוינע אומגליקען שטעהען זיי אונ־טער די פלייצעס?

מיר ציוניסטען מאכען נישט גערן געברויך פון אזעלכע זאכען. עס איז געגען אונזער געפיהל, דאס אומגליק פון אנדערע אויסצונוצען דער אגיטאציע לטובה. מיר מוזען אבער דאך זאגען, מיט וועלכער וועהטאג מיר האבען די לעצטע שרעקליכקייטען פערנומען. ארימע מענשען זענען דארט צו גרונד געגאנגען. מיר ווילען זייער אנדענקען עהרליך האלטען, זייערע יתומים העלפען, און דאן פאר די לעבעדיגע זארגען.

דען די בלוטיגע טעג פון דער בעוואוסטער שטאדט, זאלען אונז נישט מאכען פארגעסען, אז אומעדום ווי יודען ווערען געפייניגט אדער פערפאלגט, דערפאר ווייל זיי זענען יודען, די מוזען מיר רעטען.

עס איז די העכסטע צייט, ווער עס האט נאר אויגען, מוז זעהן, אז עס איז אצינד פיעל ערגער געווארען, מיר ציוניסטען האבען דאס שוין פון לאנג געזאגט, אז עס וועט אזוי זיין, און אצינד איז עס אויך געשעהן.

אין לעצטער צייט פלעגט מען אונטער יודען די אויסוואנדע־רונג צו האלטען פאר א רפואה בדוקה. דאס איז נאך אנגעגאנגען — ווען מיר ווילען אפילו אוועקקוקען פון די אלע זייטען־צרות, וואס דאס האט מיט זיך געבראכט — כל זמן די לענדער וואס מ'איז אהין גע־גאנגען, האבען נישט פארווערט.

אצינד הייבט זיך אבער אן א נייע צייט, יענע לענדער הייבען אן צו פארוועהרען, חאטשע, ניין, טאקי נאר דערפאר ווייל די יודישע נויט האט זיך אין מזרח פון אייראפא פארגרעסערט. אונ דאך זענען עס אזעלכע לענדער, וואס אן זייער הויכער בילדונג איז קיין שום ספק נישטא. זיי מאכען די איינוואנדערונג פון יודען צו א פאליטישער פראגע. נאר א טייל פון אונזערע אלטע, גלות'דיגע יודען קאנען דאס נישט זעהן.

אין ענגלאנד, וואס איז ביז היינט פריי געוועזען, האט מען א קאמיסיע איינגעזעצט, אום די איינוואנדערונג פון פרעמדע, דאס הייסט: יודען, צו אונטערזוכען. אזוי ענגלאנד אזוי אויך אמעריקא, וואס איז דורך פרעמדע גרוים געווארען. זיי שלאגען זיך נאך מיט דער דעה, צי יא, צי ניין. עס איז אבער ווייניג האפנונג פארהאנדען אויף יא.

די רעגירונגען, וואס האבען שייכות מיט דער יודישער אויס־וואנדערונג, הייבען אן אונז ציוניסטען בעסער צו פארשטעהן. זיי פיהלען, אז נאר אונזער תירוץ וועט די יודישע פראגע פארענטפערען, אונ ער מוז אויך געלינגען. עס איז אמת טאקי נישט א לייכטע אר־בייט, מען דארף דאבאי פיעל געדולד אונ געטריישאפט. מיר לערנען אבער דאבאי געדולדיג אונ געטריי צו זיין. יעדע בעוועגונג, ובפרט ביים אנהייב, איז אלערליי סכנות אויסגעזעצט, עס פעהלט געדולד, מען זארגט זיך פאר מיטעל, מען האט מורא עס וועלען א טייל אוועק־פאלען, נאר דאס איז אבער אויך לטובה. עס פארליערען זיך נאר א

זעלבע, וואס זענען נישט קיין גרויסע אבידה. עס געהען אוועק א טייל פאר א שלעכטער עליה, א טייל ווייל זייער חשבון איז זיי נישט גוט אויסגעקומען, און כדומה אנדערע טעמים. די אבער וואס בלייבען, אויף זיי קאן מען בויען. אזוי האבען מיר גערעכענט, בשעת מיר האבען דעם יעצטיגען קאנגרעס איינגערופען; מיר האבען גערעכענט, אז מיר וועלען נישט האבען פארצולעגען נאר זעלבע ארבייטען, וואס האבען נישט מצליח געווען — דערווייל איז עס אבער אנדערש געווארען.

זייט דעם מיר זענען צוזאמען געווען צום פינפטען מאל, האב איך 2 מאל דעם כבוד געהאט, פון זיינער מאיעסטעט דעם סולטאן קיין קאנסטאנטינאפאל גערופען צו ווערען. ביידע מאל זענען אבער די אונטערהאנדלונגען צו נישט געווארען. זעלבסט-פארשטענדליך האב איך נישט געקאנט איינגעהן אויף דעם וואס פארטראגט זיך נישט מיט אונזער באזעלער פראגראם, ובפרט א צעשפרייטע קאלאניזאציע איבער דער גאנצער טערקיי איז גאר נישט פאר אונזער פאלק. פון דעם אלעמען האב איך נאר געזעהן, אז דער סולטאן איז זעהר פריינדליך געזינט פאר דאס יודישע פאלק.

אציגד אז מיר האבען געהאט פאר אונז די פריינדשאפט פונם בעל הבית, האבען מיר זיך געמוזט ווענדען צו יענע רעגירונגען, וואס אינטערעסירען זיך מיט דעם אריענט, אם מייסטען רוסלאנד. דען פון דייטשלאנד האבען מיר נישט קיין מניעות צו ערווארטען, אזוי ווי מיר האבען דאס אויסדריקליך פון זיינער מאיעסטעט דעם דייטשער קייזער

גֶעהֶערְט, בְּשַׁעַת עֶר הָאט אוּנְזֶערֶע צִיוֹנִיסְטִישֶׁע אָבְּאָרְדְנוּנְג אִין יְרוּשָׁלַיִם עֶמְפְּפַאנְגֶען אִים יָאהר 1898. דָאס וָוארְט פוּן אַ מַלְכוּת זָאל מֶען נִישְׁט פַארְדְרֵיהֶען אוּנ אִיבֶּערְקֶערֶען. אוֹיךְ מִצַד עֶנְגְלַאנְד הָאבֶּען מִיר נִישְׁט גֶעהַאט מוֹרָא צוּ הָאבֶּען פַאר הִתְנַגְדוּת, אוּנ דָאס וָואס אִיךְ וֶועל דָא דֶערְצֵייהֶלֶען, בֶּעשְׁטֶעטִיגְט דָאס.

וְוי מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהֶן, אַז קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל אִיז לְעֵת־עַתָּה גָאר נִישְׁט, אוּנ דִי נוֹיט וַואקְסְט, הָאבֶּען מִיר אַיין אַנְדֶערֶען וֶועג גֶעזוּכְט. אִים אָקְטָאבֶּער פוּן פָארִיגֶען יָאהר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוּנְטֶערְהַאנְדְלֶען מִיט אֵיינִיגֶע פוּנִ'ם עֶנְגְלִישֶׁען קַאבִּינֶעט, מֶען זָאל אוּנְז גֶעבֶּען אַ בֶּעוְוילִיגוּנְג אוֹיף דֶער סִינַי־הַאלְבְּאִינְזֶעל אוּנְזֶער פָאלְק צוּ בֶּעזֶעצֶען. דִי מִינִיסְטֶער אוּנ אַלֶע הוֹיכֶע בֶּעאַמְטֶער וָואס גֶעהֶערֶען דַאצוּ, הָאבֶּען מִיךְ מִיט גְרֶעסְטֶער גוּטְוִוילִיגְקֵייט אוֹיפְגֶענוּמֶען. מְ'הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אַז דָאס לַאנְד גֶעהֶער צוּ עֶגִיפְּטֶען, אוּנ מְ'הָאט מִיר דִי בֶּעסְטֶע רֶעקָאמַאנְדַאצִיֶעס גֶעגֶעבֶּען צוּ לָארְד קְרָאמֶער, דֶעם עֶנְגְלִישֶׁען־פַארְטְרֶעטֶער אִין עֶגִיפְּטֶען, אוּנ אַן דִי רֶעכְטֶע פוּנִ'ם קֶעדִיוו. דִי עֶנְגְלִישֶׁע רֶעגִירוּנְג הָאט אוּנְז גֶערָאטֶען, צוּעֶרְשְׁט אַ קָאמִיסִיֶע צוּ שִׁיקֶען, וָואס זָאל דָאס לַאנְד אוּנְטֶערְזוּכֶען. אוּנ דֶערְנָאךְ אִיז אוּנְזֶער פַארְטְרֶעטֶער, הֶער גְרִינְבֶּערְג, גֶעגַאנְגֶען קַיין עֶגִיפְּטֶען אִים אָקְטָאבֶּער פוּן לֶעצְטֶען יָאהר, מִיט רֶעקָאמַאנְדַאצִיֶעס פוּנִ'ם עֶנְגְלִישֶׁען מִינִיסְטֶערְיוּם צוּ דֶער עֶגִיפְּטִישֶׁער רֶעגִירוּנְג.

לָארְד קְרָאמֶער אוּנ דִי עֶגִיפְּטִישֶׁען מִינִיסְטֶער הָאבֶּען אִיהם זֵעהר

פריינדליך אויפגענומען, און האבען איהם בעווילליגט די קאמיסיאן. אי דער קאמיסיאן זענען געווען:

אינז. קעסלער, ארכיטעקט מארמארעק, אבערסט גאלדסמיט, אינז. סטעפענס, פראפעסאר לאורענט, ד"ר ס. סאסקין, דר. הלל יפה, און דער עגיפטישער רעגיערונגס-פארטרעטער מר. הומפריי.

די קאמיסיאן איז געקומען אין עגיפטען ענדע יאנואר, און אין אנהייב פעברואר האט זי זיך געלאזט אויף די סיני האלב-אינזעל. דערווייל איז אונזער פערטרעטער מר. גרינבערג ווידער קיין עגיפטען געקומען און האט נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען פון דער עגיפטישען רעגיערונג בעקומען א כתב, אין וועלכען זי ערקלערט זיך איינפערשטאנדען מיט דעם טשארטער, וואס מיר האבען איהר פארגעשלאגען. דער טשארטער האט אויסדריקליך אויסגענומען א יודישע אייגענע ממשלה, נאר אויף דעם פאל, אז די קאמיסיע וועט ערקלערען, אז דאס לאנד איז געאייגענט צום קאלאניזירען.

די קאמיסיע איז צוריקגעקומען אנהייב מערץ און זי האט דער עגיפטישע רעגיערונג ערקלערט, אז דאס לאנד איז לא יצלח, אז עס איז אונמעגליך דאס פלאכלאנד פון פעלוזיום מיט וואסער צו פארזארגען, און דארום איז די בעזעצונג פון על-אריש און פון אנדערע טייל פון דער סיני-האלבאינזעל נישט מעגליך. אז די מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגיערונג, די וואס איך בין מיט זיי פריהער אין פארבינדונג געשטאנען, האבען דאס דערהערט, אז מיר זענען גענייטיגט פון דעם ענין צוריק צו טרעטען, האבען זיי מיר תיכף ומיד

שְׁטַאט דֶעם אַיין אַנְדֶערֶען פָּארְשְׁלַאג גֶעמַאכְט, מִיט דֶער בֶּעווִילִיגוּנְג פוּן אַיין אַנְדֶער לַאנְד לְטוֹבַת דֶער יוּדִישֶׁען קָאלָאנִיזַאצִיֶע.

דָאס גַייֶע לַאנְד הָאט צְוַואר נִישְׁט דֶעם הִיסְטָארִישֶׁען, פָּאעֶטִישׁ־רֶעלִיגִיעֶזֶען צִיוֹנִיסְטִישֶׁען וֶוערְט, אַפִּילוּ נָאךְ פוּן דֶער סִינַי־הַאלְבּ־אִינְזֶעל, אִיךְ רֶעכֶען אָבֶּער, אַז דֶער קָאנְגְרֶעס, דֶער פֶּערְטְרֶעטֶער פוּנְ'ם יוּדִישֶׁען הָמוֹן, וֶועט דָאס מִיט דַאנְקְבַּארְקַייט בֶּעטְרַאכְטֶען. דֶער פָּארְשְׁלַאג הֵייסְט: אַיין אֵייגֶענֶע יוּדִישֶׁע בֶּעזֶעצוּנְג אִין מִזְרָח־אַפְרִיקָא, מִיט אֵייגֶענֶער יוּדִישֶׁער פֶּערְוַואלְטוּנְג, מִיט אֵייגֶענֶער יוּדִישֶׁער רֶעגִיערוּנְג, אוּנ מִיט אַ יוּדִישֶׁען אָבֶּערְבֶּעאַמְטֶען (שְׁטַאטְהַאלְטֶער), דָאס אַלֶעס אוּנְטֶער שׁוּץ פוּן דֶער עֶנְגְלִישֶׁער מְלוּכָה. וִוי אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט, הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעפוּנֶען גֶענֵייטִיגְט צוּ עֶרְשְׁט דֶעם קָאנְגְרֶעס וֶועגֶען דֶעם פָּארְשְׁלַאג צוּ פְרֶעגֶען.

אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעם קָאנְגְרֶעס אוּנְטֶערְזָאגֶען. וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פַארְהַאלְטֶען צוּ דֶעם פָּארְשְׁלַאג. נָאר חָאטְשׁ אָבֶּער דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק הָאט נִישְׁט קֵיין אַנְדֶער צִיעל אַלְס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ בַּיי דֶעם לַאנְד פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת וֶועט עֶס אוֹיךְ בְּלַייבֶּען, אוֹיף וֶועלְכֶען אוֹפֶן אוֹיךְ דֶער פָּארְשְׁלַאג וֶועט אוֹיסְפַאלֶען, וֶועט דָאךְ דֶער קָאנְגְרֶעס עֶרְקֶענֶען, וִוי וַוייט מִיר זֶענֶען פָארְגֶעשְׁרִיטֶען דַאדוּרְךְ, וָואס מִיר הָאבֶּען מִיט דֶער עֶנְגְלִישֶׁער רֶעגִיערוּנְג אוּנְטֶערְהַאנְדֶעלְט. דִי עֶנְגְלִישֶׁע רֶעגִיערוּנְג קָאן אַלֶע אוּנְזֶערֶע בֶּעמִיהוּנְגֶען, אוּנ הָאט אוּנְז פִיעל צוּ־גֶעזָאגְט. מִיר קָאנֶען דַאפוּן נוּצֶען צִיעהֶען, חָאטְשֶׁע מִיר וֶועלֶען אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע עִקָּרִים נִישְׁט פַאלֶען לָאזֶען.

די איינצעלהייטען פונ׳ם פארשלאג פאר דעם קאנגרעס פאר־צולעגען, איז נישט פראקטיש. מיר דאכט זיך, עס איז גלייכער, א קליינע קאמיסיע צו וועהלען, וועלכע וועט זיך מיט דעם גאנצען ענין בעפאסען. נאר ווי אזוי די קאמיסיע וועט בעשליסען, איינס איז זיכער: אז מיר דארפען דער ענגלישער רעגירונג דאנקבאר זיין פאר דער פריינדשאפט, וואס זי האט פאר דאס יודישע פאלק.

אמת, אפריקא איז נישט ציון, אונ עס וועט אויך קיינמאל נישט זיין.

עס איז נאר א קאלאניזאציאנס־הילף — אבער געבויט אויף נאציאנאלען אונ אויף שטאטליכען גרונד. עס איז נאר א נויט־הילף, עס קאן אבער פיעל מעהר העלפען ווי אנדערע פילאנטראפישע מיטלען, אונ אונזער פאלק וועט נישט דורך בעשטענדיגע צעשטריי־אונג פארלארען געהן.

איך בין אין דער לעצטער צייט געווען גענייט וועגען די בעקאנטע טרעפענישען קיין רוסלאנד צו פאהרען. איך האב געהאט געלעגענהייט מיט דער דארטיגען רעגירונג צו פארקעהרען, אונ איך קאן זאגען, אז מען פארשטעהט דארט וואס מיר ווילען, אונ אז מען וואלט עפּיס געוואלט פון אונזערט וועגען טון. איך האב דארט גע־רעדט נישט נאר פאר ציוניסטען, נאר פאר אלע יודען אין רוסלאנד איך האב מיך בעמיהט צו רעדען א גוט ווארט פאר די פארבעסערונג פון זייער טרויריגער לאגע, אונ מע האט מיר צוגעזאגט, אז מען וועט אין קורצען וועגען זאלכע ערלייכטערונגען קלערען.

פִיעל מֶעהר הָאט מֶען מִיר פַאר דֶעם צִיוֹנִיזְם צוּגֶעזָאגְט. דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג ווִיל נִישְׁט קֵיין שׁוּם מְנִיעָה דֶעם צִיוֹנִיזְם אִין וֶועג לֵייגֶען, ווִי בַּאלְד עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי ווִי בִּיז אַהֶער רוּהִיג אוּנ גֶעזֶעצְלִיךְ פַארְהַאלְטֶען. דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אִיז אוֹיךְ בֶּערֵייט, אַ יוּדִישֶׁע אוֹיסְוַואנְדֶערוּנְג, פוּן אוּנְז צִיוֹנִיסְטֶען גֶעפִיהְרְט, צוּ אוּנְטֶערְשְׁטִיצֶען, ווִי בַּאלְד מִיר וֶועלֶען דִי נֵייטִיגֶע קָאסְטֶען דֶעקֶען.

צוּלֶעצְט, אוּנ דָאס אִיז דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע, אִיז דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אוֹיךְ בֶּערֵייט, אוּנְזֶערֶע בֶּעמִיהוּנְגֶען צוּ אוּנְטֶערְשְׁטִיצֶען בַּיים סוּלְטַאן, כְּדֵי צוּ דֶערְלַאנְגֶען בַּיי אִיהם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער קָאנְגְרֶעס וֶועט בְּוַדַאי פַארְשְׁטֶעהֶן, ווִי גְרוֹיס דֶער וֶוערְט אִיז פוּן דִי הַבְטָחוֹת פוּן דֶער רוּסִישֶׁער רֶעגִירוּנְג. מִיר הָאבֶּען מִיט אֵיין מָאל, נִישְׁט נָאר אַ מְנִיעָה אָבְּגֶעטָאן, מִיר הָאבֶּען נָאךְ אַ שְׁטַארְקֶע מִיטְהִילְף בֶּעקוּמֶען. אֱמֶת, מִיר מוּזֶען עֶס נָאךְ אָבְּוַוארְטֶען, אָבֶּער יֶעדֶענְפַאלְס אִיז אוּנְזֶער מוּט גֶעשְׁטַארְקְט אוּנ אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְגֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען שְׁטַארְק פַארְגְרֶעסֶערְט גֶעוָוארֶען.

זֶעלְבְּסְט־פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ וֶועלֶען זִיךְ גֶעפִינֶען חֲבֵרָה, וֶועלְכֶע וֶועלֶען נָאר דָאס בִּיטֶערֶע פוּן אוּנְזֶערֶע הַצְלָחוֹת אַרוֹיסְזוּכֶען. זֵיי וֶועלֶען זָאגֶען, אַז דֶערְפַאר שְׁטִיצְט מֶען אוּנְז, ווַייל מֶען ווִיל אוּנְזֶערֶע פָּטוּר וֶוערֶען. זֵעהר וואהל! אוֹיב עֶס אִיז דֶערִינֶען אַיין אוּמְרֶעכְט גֶעגֶען אוּנְזֶער פָאלְק, אַזוֹי וֶועלֶען מִיר דֶערוֹיף לֶעתִיד אַ תְּשׁוּבָה גֶעבֶּען: אִין אוּנְזֶער עָתִיד, אִין אוּנְזֶער לַאנְד! אוּנ דִיזֶע תְּשׁוּבָה וֶועט בֶּעשְׁטֶעהֶן אִין דֶעם הֶעכֶערֶען פוּן דִי מֶענְשְׁלִיכֶע מִדּוֹת.

נָאכְדֶעם ווִי הֶערְצְל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין רֶעדֶע, אוּנ מֶע הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען דָאס פְּרֶעזִידְיוּם פוּנְ׳ם קָאנְגְרֶעס, אִין וֶועלְכֶען ד״ר הֶערְצְל אִיז פְּרֶעזִידֶענְט, נָארְדוֹי, מַאנְדֶעלְשְׁטַאם, מָאנְטֶעפְיָארִי אוּנ בָּאדֶענְהֵיימֶער — ווִיצֶע־פְּרֶעזִידֶענְטֶען — הָאט מֶען דִי זִיצוּנְג אוּנְטֶערְבְּרָאכֶען אוּנ זִי ווִידֶער גֶעעֶפֶענְט עֶרְשְׁט נָאךְ מִיטָאג זֵייגֶער 3.

דִי צְווֵייטֶע זִיצוּנְג.

ד״ר קָאקֶעשׁ לֶעזְט פָאר דֶעם רֶעכְנוּנְג פוּן דֶער צֶענְטְרַאלְנֶע קַאסֶע אִין ווִיעֶן. פוּנְ׳ם חֶשְׁבּוֹן זֶעהט מֶען, אַז שְׁקָלִים בִּכְלַל אִיז אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין דֶעם יָאהר פוּן אַלֶע לֶענְדֶער בְּעֶרֶךְ 240 טוֹיזֶענְט פְרַאנְק. דֶער חֶשְׁבּוֹן ווַייזְט אָן פָּאדְרָאבְּנֶע, וואוּהִין דִי גֶעלְדֶער זֶענֶען פַארְטֵיילְט גֶעוָוארֶען. דִי אַגִיטַאצִיֶע אִין פַארְשִׁידֶענֶע לֶענְדֶער הָאט גֶעקָאסְט בְּעֶרֶךְ 108 טוֹיזֶענְט פְרַאנְק; פוּן זֵיי אוֹיף רוּסְלַאנְד אַלֵיין אַיין עֶרֶךְ פוּן 80 טוֹיזֶענְט פְרַאנְק.

אַרְחִיטֶעקְט מַארְמָארֶעק לֵייֶענְט אַ רֶעפֶערַאט ווֶעגֶען דֶער אַרְבֵּייט פוּן אַקְצִיאָנֶס־קָאמִיטֶעט בִּכְלַל אוּנ ווֶעגֶען דֶער לַאגֶע פוּן צִיוֹנִיזְם אִין דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט. דֶער חֶשְׁבּוֹן שְׁטֶעלְט פֶעסְט, אַז דִי בֶּעוֶועגוּנְג אִיז אִין דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט זֵעהר מֶעכְטִיג אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען. אִינְ׳ם לֶעצְטֶען יָאהר אַלֵיין זֶענֶען אִין אֵיינִיגֶע לֶענְדֶער דִי שְׁקָלִים פַארְטָאפֶּעלְט גֶעוָוארֶען, אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער זָאגַאר פַארְדְרֵייפַאכְט.

עֶס עֶפֶענְט זִיךְ אַ וִכּוּחַ ווֶעגֶען דֶעם רֶעפֶערַאט אִין פַארְבִּינְדוּנְג מִיט דֶער רֶעדֶע פוּן ד״ר הֶערְצְל.

דוד טריטש שטעלט זיך קריטיקירען די טעטיגקייט פון אַקציאָנס-קאָמיטע בנוגע צו דער קאָלאָניזאַציאָנס-פראַגע. ער זאָגט, אַז דער אַקציאָנס-קאָמיטע האָט בעגאַנגען אַ גרויסען פעהלער, וואָס ער האָט זיך אַזוי גרינג אָבגעזאָגט פון על-עריש. דער רעדנער מיינט, אַז ווען אַפילו מע האָט ניט געקענט אָנהויבען קיין גרויסע קאָלאָני-זאַציע אין עריש האָט מען געדאַרפט זיך בעגניגען מיט אַ קליינער התחלה, פון וועלכע עס וואָלט מיט דער צייט אַרויסגעקומען עפּיס גרויסעס, ווייל עריש ליגט אויף דער גרענעץ פון ארץ ישראל. יעדענ-פאַלס געפינט ער אַ קליינע אַרבייט אין עריש און אין די אַנדערע שכנישע לענדער פון פּאַלעסטינאַ אַלס מעהר וויכטיג ווי דער אַפריקאַנישער פּלאַן, וואָס דער קאָמיטע שלאָגט אַצינד פאָר.

אין זיינע אויספיהרונגען בעריהרט דער רעדנער פערזענליך ד"ר הערצל, פון זיין אַרט האַלטען זיך אַקעגען הערצל'ען זעהט מען, אַז ער רעדט מיט פערזענליכער שנאה און דעריבער ווערד אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין זאַל. פון אַלע זייטען שרייט מען: **שלום! שלום! ניכט רעדען!**

ד"ר הערצל איז אויך שטאַרק אויפגערעגט אַקעגען טריטש'ן און אין זיין ענטפער בעריהרט ער איהם ניט ווייניגער שאַרף. ער ווייזט אוים מיט אַ פּראָטאָקאָל אין די הענט ווי לייכטזיניג ה' טריטש איז אין זיינע קאָלאָניזאַציאָנס פּלענער. ווי ווייניג ער איז באמת בעקאַנט מיט די פראַגען, אויף וועלכע ער מיינט צו זיין דער גרעסטער בר-סמכא, און זאָגט איהם דעריבער אָפּ דאָס רעכט צו רעדען אין דער

זאך, נאכדעם ווי דאס אקציאנס־קאמיטעט האט איי אויספיהרליכע בעריכט פון א ספעציאליסטען קאמיסיע.

אין דעם ווייטערינען ווארט־וועקסעל צווישען טריטש אונ הערצל בעקומט דער וכוח אזא פערזענליכען חאראקטער, אז איבער־געבען איהם איז ניט כדאי, ווייל די צוהערער האבען זיך אויך זעהר שלעכט געפיהלט דערביי. פון אלע זייטען האט מען אויסגעשריגען: גענוג! מיר ווילען ניט מעהר הערען! טריטש האט אבער בשום אופן ניט געוואלט אראב פון טריבינע ביז ער האט אלעס אבגעזאגט. אונ הערצל האט א פנים אויך געוואלט דורכאוים מאכען איין ענדע מיט די אנפעלע פון טריטש אונ זיינע חברים, אונ האט דעריבער אהן רחמנות געשמיסען מיט ראיות איבער די טעטיגקייט פון טריטש. ער האט דערציהלט א גאנצע געשיכטע פון זיינע קאלאניזאציאנס אונ־טערנעמונגען, וועלכע האבען געווארפען א זעהר פינסטערען שאטען אויף דעם געניע פון דעם נייעם יודישען קאלאניזאטאר, דעם „באראן הירש אהן געלד", ווי הערצל האט איהם אנגערופען. די פארזאמלונג איז אבער שוין שטארק צופרידען געווען אז מע האט פארשלאסען די דעבאטע אונ די זיצונג פונ'ם קאנגרעס אבגעלעגט אויף מארגען.

די זיצונג איז געשלאסען געווארען זייגער 9 אויף דער נאכט.

די דריטע זיצונג.

מאנטאג אין דערפריה האט זיך דער קאנגרעס ווידער געעפענט. דער ערשטער רעדנער איז געווען ד"ר מאקס נארדוי — ס'איז גענוג

געווען אנצורופען דעם בעליבטעי נאמען, אז סע זאל אויסברעכען א יובעל פון אפלאדיסמענטען.

ד״ר נארדוי זאגט: דיזער קאנגרעס דארף ניט זיין בלויז איין אקאדעמיע פאר שיינע רעדען. אצינד וועניגער פון תמיד. דעריבער וויל איך בעסער רעדען פון די צוויי פאקטען, וואס דער פרעזידענט האט אונז געבטען דערציילט. די צוויי פאקטען ווארפען א בעזונדערן שיין אויף דעם וואס מיר האבען אבגעטאן. די בריטישע רעגירונג וויל אונז געבען א קאנצעסיע אויף א שטיק לאנד. אונ נאכדעם ווי רוס־לאנד האט זיך שוין אויך אויסגעשפראכען, אז זי וויל אונזער זאך אונטערשטיצען, האבען מיר שוין פיער גרויסמעכטע, וועלכע זענען גרייט אונזער זאך צו שטיצען: דייטשלאנד, ענגלאנד, רוסלאנד אונ אמעריקא.

דער רעדנער שטעלט זיך נאכדעם אב אויף דעם וועג וואס מיר זענען איבערגעגאנגען אונ ווייזט וואס פאר גרויסע אויספעהען מיר האבען דערלאנגט, אז מיר האבען די יודישע פראגע אריין געבראכט אין דער פאליטישער וועלט. אונזערע פריהעריגע פארשטעהער, וואס האבען נאר אין זינען געהאט צו קריגען פארשידענע טיטולען, באראנען אונ סטאטסקי סאוועטניקעס האבען שטענדיג איינגערעדט די רעגירונג, אז מיר זענען זעהר צופרידען מיט דעם שוץ, וואס מיר גע־ניסען ביי די רעגירונגען. מיר האבען אבער די ערשטע געמעלדט, אז מיר זענען כלל ניט צופרידען, אז מיר פאדערען פאר אונז לעבענס־

בעדינגונגען ניט ערגער ווי פאר יעדער אנדער פאלק." אזוי האט דער ציוניזם צוערשט געשאפען א יודישע פאלקס-פאליטיק.

אונזער פאליטיק דארף זיין: מיר פאדערען פאלעסטינא אונזער אלטעס לאנד פון די פעטער. מיר וועלען מיט דער טערקישער רעגירונג אין פארהאנדלונג קומען און די רעגירונגען דארפען זיין די עדות פון אונזערע אבמאכונגען.

ווען אבער די טערקיי וועט אונזערע וואונשען ניט וועלען ענטגעגען קומען, הויבען מיר אויף אין דער וועלט-פאליטיק אונזערע היסטארישע רעכטע אויף אונזער פאטערלאנד. די פעלקער וועלען אונז דארין מוזען העלפען. עס איז דירעקט פון זייער אייגענער טובה וועגען.

אין דעם זין האבען מיר געפיהרט די אונטערהאנדלונגען מיט די רעגירונגען.

דערוויל אבער מוזען מיר שאפען א נאכט-שטעלע פאר די ברידער, וואס זענען שוין אויף דער עמיגראציע בעגריפען. מיר מוזען די דאזיגע ברידער אבהאלטען, זיי זאלען ניט פארשווינדען ווערען.

די רעדע ענדיגט זיך מיט די ווערטער: און אז מיר וועלען די דאזיגע פאליטיק טרייבען וועט אונז די גאנצע וועלט האלטען בכבוד, דען דער ציוניזם לעהרנט די וועלט צו קענען דאס האנדעלס-פאלק אלס האנדעלנדעס פאלק! (שטירמישע אפלאדיסמענט).

דאקטאר נאסיג האלט א גאנץ לאנגע רעדע מיט די זעלבע קריטישע אויספיהרונגען ווי טריטש וועגען דער עריש-פראגע. דער רעדנער איז אפילו שוין א סך איינגעהאלטענער ווי זיין חבר טריטש, מע לאזט איהם אפילו אויסרעדען, נאר אלעמאל ווען ער דריקט זיך אויס אביסל ניט בכבוד אקעגען די פיהרער, ווערד אין זאל א געטומעל און נאר מיט גרויסער מיה געלינגט עס דעם פרעזידענט, איהם געבען די מעגליכקייט צו רעדען.

נאך דער פערלעזונג פון איין אנטראג פון די דייטשע ציוניסטען, וועלכע — אזוי ווי די שווייצערישע און אמעריקאנישע און ענגלישע — לעגען פאר אויסצוקלויבען א קאמיסיע צו בעטראכטען די אפריקא-פראגע, ווערד דער קאנגרעס ביז נאך מיטאג אונטערבראכען.

די פיערטע זיצונג.

מאנטאג דריי א זייגער נאכמיטאג.

פרעזידענט ד"ר נארדוי מעלדעט איינינע ידיעות.

ד"ר יאקאבזאהן פארלאנגט מען זאל ראזענבוימען, ד"ר קלעע און ד"ר סירקין לאזען זייערע רעדעס אין גאנצען ענדיגען. עס ווערד אנגענומען.

ה' פיגעלעס פון גאלאץ (רומעניע) מעלדעט, אז דער ציוניזם אין רומעניע ווערד פארגרעסערט, די צאהל פון די שקלים-צאהלער אלץ מעהר און אויך ווערד דארטען פארקויפט אקציעס פון

קאלאניאל-באנק און מארקעס פון נאציאנאל-פאנד אין א היבשען צאהל.

ד"ר פאסמאניק בעשולדיגט טריטש'ען מיט נאסיג פאר זייער שטרענגע קריטיק. ער זאגט, אז מענשען, וואס זענען נאר צוליב דעם ציוניזם געקומען צו א נאמען, קענען נישט זאגען די אנפיהרער טויגען נישט, לאזט אונז וועלען מיר בעסער פיהרען. וואו זענען זיי געוועזען פאר דעם, איידער הערצל איז געקומען און האט זיך אונטערגענומען אזא שווערע ארבייט. אמת קריטיק איז זעהר נייטיג אבער נישט אזוינע ווי נאסיג און טריטש'עס, ווייל זייער צוועק איז צו שטערען די אחדות, וואס הערשט ביי אונז.

דער רעדנער לעגט פאר בנוגע צו דער פראגע אין מזרח-אפריקא, מען זאל אויסקלויבען א גרויסע קאמיסיע, וועלכע זאל די פראגע בעהאנדלען. ער ווארפט פאר דעם קליינעם אקציאנס-קאמיטעט, פאר וואס ער האט גאר נישט אנגעפרעגט דעם גרויסען אקציאנס-קאמיטע און נישט מודיע געווען וועגען מזרח-אפריקא.

ד"ר שלאפאשניקאוו פרעגט, פאר וואס האט דער אקציאנס קאמיטע אוועקגעלאזט ועד על אריש און אנגענומען מזרח-אפריקא.

ליליען איז אויך נישט צופריעדען מיט דעם אקציאנס-קאמיטע, ער זאגט, אז ער האלט זיך נישט אן דעם באזעלער פראגראם. אין דעם לעצטען נומער „וועלט" פעהלט די ווערטער: „אין פאלעסטינא", וועלכער געהער צום באזעלער פראגראם און איצט האט מען עס ארויסגעווארפען, ד"ר גארדוי ערלויבט די אונגארישע יודען צו ווערען

ציוניסטען נישט לויט דעם באזעלער פראגראם נאך, אין פראגראם שטעהט פאלעסטינא און די גאהנטע לענדער און איצט רעדט מען גאר פון מזרח־אפריקא. צולעצט בשעת ליליען זאגט, אז ווען ד״ר הערצל זאל זיך אפזאגען פון צו זיין פרעזידענט פון אקציאנס־קאמיטע ווייסט ער נישט ווער עס קאן די שטעלע איבערנעמען, ווערד א געלעכטער און מען לאזט איהם מעהר נישט רעדען.

ה׳ שפ״ר זאגט אויך, אז האטש ער אכטעט זעהר די חברים פון דעם אקציאנס־קאמיטע פונדעסטוועגען מעג מען זיי קריטיקירען. וועגען ועד על אריש געפינט ער, אז די עקספעדיציע האט גאר קיין נייעס נישט אויפגעטאן, ווייל דאס אייגענע געפינט מען אין יעדען לעקסיקאן און עס איז אין גאנצען איבריג געוועזען צו שיקען איין עקס־פעדיציע וועגען דעם. וועגען מזרח־אפריקא זאגט ער, האבען מיר קיין רעכט נישט דא צו פארהאנדלען, ווייל די וואס האבען אונז אויס־געקליבען פאר דעלעגירטע האבען אונז געשיקט צו פארהאנדלען גאר וועגען ציון.

ה׳ חזן קריטיקירט די אנפיהרער וועגען עפיס אנדערש, ער איז נישט צופריעדען, וואס מען נעמט צו פאר דעלעגאטען אזויגע מענשען, וואס האלטען זיך נישט אין דער באזעלער פראגראמע, ווי ה׳ מריטש און זייגע חברים.

ד״ר גאבעל, א דייטשער רב, געהער צו דער פארטיי מזרחי מיט א יארמאלקע אויפ׳ן קאפ, מאכט אויפמערקזאם דערויף, וואס מען מאכט דעם קאנגרעס פאר איין ארט זיך צו רעכענען פריוואט־חשבונות.

ער זאגט, אז אויב עס וועט מקוים ווערען ליליענ'ס ווערטער, אז דער אקציאנס-קאמיטע וועט פארהאנדלען וועגען קולטורע וועט עס אוודאי זיין נאך דעם יודישען גייסט.

ד"ר ווייצמאן פרעגט אויב דער אקציאנס-קאמיטע האט זיך באמת שוין אין גאנצען אבגעזאגט פון וועד על אריש אדער מען האט עס נאר אויף דערווייל אבגעלעגט. ער וואונדערט זיך ווי האט מען דאס אזא וויכטיגע פראגע אזוי לייכט אפגעפטר'ט. ווייטער ווארפט דער רעדנער פאר דעם ד"ר הערצל, אז ער איז נישט גענוג פארזיכטיג אין זיינע מיינונגען וועגען די היינטיגע ציוניסטישע ארבייט, וואס ער האט ארויסגעזאגט אין א געוויסען ארט.

ד"ר אויגאוויצקי שטעלט זיך רעדען, דער עולם בעגע-גענט איהם מיט א גרויסען אפלאדיסמענט. ער זאגט, אז נישט דעם ד"ר הערצל מיט די חברים פון אקציאנס-קאמיטע דארף מען קריטי-קירען, נאר די רוסישע מורשים, וועלכע האבען מיט זייערע מעלדונגען צום צענטראלען קאמיטע געבראכט גרויס שאדען, פאר וואס זיי האבען נישט מודיע געוועזען וועגען די נייע פארטייען, וואס זענען היינטיגעס יאהר געווארען, ווי למשל די פארטיי „מזרחי", וואס האט זעהר פיעל געארבעט היינטיגעס יאהר. אויך פראטעסטירט דער רעדנער געגען די וואס קומען אין קאנגרעס זיך אויסרעכענען זייערע פריוואט-חשבונות ווי טריטש אונ זאגט, אז טריטש וועט בלייבען בע-וואוסט אין אונזער געשיכטע נאר צוליב דעם, וואס האט דעם גבור

פון פאלק געבראכט איינינע שעות צער און אויפרעגונג! (א שטארקער אפלאדיסמענט).

פריילין ראבינאוויטש רעדט זעהר אויפגערעגט און פראטעסטירט זעהר געגען זעצען א קאמיסיע צו פארהאנדלען די פראגע וועגען מזרח-אפריקא.

ד״ר מענטשעל הויבט אויך אן רעדען וועגען דעם, אבער די פארשטעהער לאזען איהם נישט ענדיגען.

ה׳ שיינקין הויבט אן רעדען וועגען עפּיס אנדערש און קומט ארויף אויף דער מזרח-אפריקאנישע פראגע. ער זאגט, אז פון ד״ר הערצל׳ם רעדע ווייזט איהם אוים, אז מיר האלטען זיך ביי׳ם אומקעהרען צו חבת ציון אין דער אלטער פארם, דאס הייסט מיר וועלען ציון נאר האלטען אין זינען, דערמאנען איהר אין אונזערע תפלות אבער די יודישע מדינה וועלען מיר מאכען אין אפריקא. איך האב מורא, זאגט דער רעדנער ווייטער, אז אין גיכען וועלען מיר זיך נישט מעהר צעטיילען אין פראקציעס, נאר אין ציוניסטען און בעלי-מדינה. איך פרעג דעם אקציאנס-קאמיטע, פאר וואס האט מען גאר נישט דערמאנט וועגען די ארבייט אין ארץ ישראל, וואו די קאלאניסטען האבען דעם ד״ר הערצל אויסגעקליבען אלם דעלעגאט צום היינטיגען קאנגרעס.

ווייטער לענט דער רעדנער פאר, מען זאל פארלייענען די טעלעגראמע, וואס איז אנגעקומען פון אוסישקין, וועלכער האט אין דעם איינענעם טאג, ווען דער קאנגרעס האט זיך געעפענט, אין פאר

לֶעסְטִינַא גֶעעֶפֶענְט דֶעם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל־קָאנְגְרֶעס אוּנ אַז דֶער בַּאזֶעלֶער קָאנְגְרֶעס זָאל דָארְטֶען וִוידֶער שִׁיקֶען אַ טֶעלֶעגְרַאמֶע.

אוֹיךְ מַאכְט עֶר אוֹיפְמֶערְקְזַאם, פַאר וָואס עֶס פֶעהלְט אִין דֶעם נוּמֶער „וֶועלְט״, וָואס אִיז אַרוֹים אִין בַּאזֶעל, דִי וֶוערְטֶער „אִין פַּאלֶעסְטִינַא״, זָאל דָאס נָאר זַיין אַ צוּפַאל?

ד״ר בּ י י ךְ, דֶער בַּאזֶעלֶער רָב אִין אַ יַארְמַאלְקֶע, הַאלְט אַ לַאנְגֶע רֵעדֶע, אִין וֶועלְכֶע עֶר אִיז מוֹדִיעַ, אַז עֶר זָארְגְט פַאר דִי נְשָׁמוֹת פוּן יוּדִישֶׁען פָאלְק.

ד״ר הֶ ע ר צְ ל שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער בִּימָה עֶנְפֶערְן, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּנ אַפְּלָאדִירְט אַ לַאנְגֶע צַייט.

וֶועגֶען דִי פְרַאקְצִיֶעס פֶערֶענְפֶערְט עֶר זִיךְ, אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען הָאט אִיהם וֶועגֶען דֶעם נִישְׁט צוּ ווִיסֶען גֶעגֶעבֶּען.

וֶועגֶען דִי בַּאנְק־קָאמִיסִיאָן, וֶועגֶען וֶועלְכֶע ה׳ רָאזֶענְבּוֹים הָאט גֶעפְרֶעגְט, זָאגְט ד״ר הֶערְצְל, אַז זַייט דְרַיי יָאהר הָאט מֶען פוּן אִיהר גָאר נִישְׁט גֶעהֶערְט, אוּנ אִין דִי לֶעצְטֶע קָאנְגְרֶעסֶען הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פוּן דָאס נַיי, טָא וֶוער אִיז דָאס מְחוּיָב צוּ גֶעדֶענְקֶען.

וֶועגֶען דִי אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענֶע קָאמִיסִיֶעס, קָאן אִיךְ נָאר זָאגֶען: אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי ווִיפִיעל מָאל דֶערְמָאנְט, וָואס זֵיי הָאבֶּען צוּ טוּן, זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער פוּן דֶעם נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט — מֶען קָאן זֵיי דָאךְ נִישְׁט גֵייטֶען זֵיי זָאלֶען אַרְבֵּייטֶען, אִיךְ קָאן נָאר בֶּעטֶען, אַז וַוייטֶער זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיסְקְלוֹיבֶּען אַזוֹינֶע קָאמִיסִיֶעס, וָואס מֶעהר ווִי דֶעם נָאמֶען הָאבֶּען זֵיי נִישְׁט.

בנוגע וואס מען ווארפט מיר פאר, אז איך מאך איבער די פראגראמע פון באזעלער פראגראם, איז עס נישט ריכטיג. איך מאך גאר נישט אנדערש, איך ברענג גאר פאר א פראיעקט פאר דעם קאנג-רעס און ווי דער קאנגרעס וועט בעשליסען אזוי וועט זיין.

דאס וואס עס פעהלט די מאטא פון באזעלער פראגראם, איז עס נאר ווייל מען האט נישט געבראכט די „קלישע“ פון וויען, נאר הער שיינקין קאן זיכער זיין, אז מארגען וועט עס ווידער זיין.

וועגען ועד על אריש האלט ער, אז מען קאן שוין וועגען דעם מעהר נישט פארהאנדלען, ווייל דארטען פעהלט וואסער און די רע-גירונג האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין מען זאל צוציעהען וואסער פון נילוס. מאכען א קליינע קאלאניזאציע ראט אונז נישט די דארטיגע רעגירונג און איך בין אויך דערצו מסכים.

דערנאך קומט דער רעדנער צו נאסיג'ס טענות. ער זאגט, אז נאסיג אורטיילט לויט אויבערפלעכליכע ידיעות, בשעת מיר האבען די מיינונגען פון די גרעסטע ספעציאליסטען אין דער וועלט וועגען דעם ענין. דאס ווידער וואס נאסיג ווארפט מיר פאר, אז איך האב אין דעם ויכוח מיט טריטש פארגעשטעלט א מין קאמעדיע אויף דעם קאנגרעס, ווייס איך נישט ווער פון אונז ביידען האט זיך מעהר בעטראגען ווי אויף א קאמעדיע, צי איך, וואס על כל פנים בין איך נים דאס ערשטע מאל אויפ'ן קאנגרעס, און מען ווייסט מיין ארבייט, אדער ה' נאסיג, וואס קומט דא דאס ערשטע מאל מיט א כיון צו שאדען דעם קאנגרעס. ווען איך וואלט געוואוסט, זאגט דער רעדנער

ווייטער, אייער כונה מיט אייער קומען אהער, אז איהר ווילט נאר גענען מיר אייער קריטיק געברויכען, וואלט איך אייך (ער ווענדט זיך צו נאסיג, טריטש און זיינע חברים) נישט געלאזען בעלעסטיגען די דריטע זיצונג, אבער איך האב געמוזט ברענגען דעם דאזיגען קרבן, כדי מען זאל נישט זאגען אויף מיר, אז איך וויל נישט הערען קיין קריטיק אויף זיך, נון האט איהר גערעדט און מיר אלע האבען אייך אויסגעהערט!

אין זאל הערשט א גרויס לארם, דאס רוב דעלעגירטע זענען שטארק אומצופרידען מיט ד"ר הערצל'ס געגנער, עס געפינט זיך אבער א קליינע צאהל דעלעגירטע, וועלכע האלט מיט זיי.

ד"ר הערצל רעדט ווייטער אויפגערעגט: ה' טריטש זאגט, אז איך האב געזוכט זיין בעקאנטשאפט, ווייל איך האב געמיינט, אז ער איז נאהנט צו יק"א. איהר זייט אייך טועה ה' טריטש. איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז איהר האט נישט קיין געלד. איך האב אייך בעגע-גענט ביי מיר אין הויז און האב מיט אייך פריינדליך גערעדט, ווי איך בין געוואהנט צו רעדען מיט יעדען מענשען. איך האלט דעם ה' טריטש פאר איין ארענטליכען מאן, אבער ער ווייסט נישט דאס אחריות, וואס ער נעמט אויף זיך מיט זיינע האנדלונגען.

וועגען ה' נאסיג'ס בעמערקונג, זאגט ד"ר הערצל, אז ער האט טאקי אונטערהאנדעלט מיט יק"א וועגען ועד על אריש. די פאר-שטעהער פון יק"א וועלען געוויס געהן מיט אונז און נישט גענען אונז, אז עס וועט האלטען ביי א וויכטיגען ענין.

צום סוף לויבּט ד״ר [illegible] דעם ד״ר סירקין אלס ערענט־ליבער געגנער.

פּראָפעסאָר גאָטהייל פּרעגט: אויב די רעגירונג, וואָס האָט צוגעזאָגט צו שטיצען דעם ציוניזם, האָט עס נאָר מיט ווערטער צוגעזאָגט אָדער אויף איין אנדער אופן.

ד״ר הערצל ענטפערט, אַז ער האָט דערויף דאָקומענטען (א פריידען־לארם).

דער קאָנגרעס דריקט אוים צוטרויען צום אנפיהרער און דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט מיט א שטאַרקען רוב דעות (דריי זענען נאָר ענטגעגען) און די זיצונג ווערד געשלאָסען.

די פינפטע זיצונג.

דיענסטאג אין דער פריה.

די קאָמיסיע צו אונטערזוכען די מאַנדאַטען לעגט פאָר דעם קאָנגרעס צו בעשטעטיגען די וואַהלען.

ד״ר וואָרטסמאַן פּראָטעסטירט געגען דעם, ווייל ווי ער האָט זיך דערוואוסט האָט מען אין איינינע ערטער אין רוסלאַנד געשיקט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט טעלעגראַמעס אויסצוקלויבען געוויסע מענשען.

דער קאָנגרעס בעשטעטיגט די אונטערזוכונגס־קאָמיסיע.

ד״ר באָדענהיימער לייענט פאָר די טעלעגראַמעס, וואָס ווינשען גליק דעם קאָנגרעס, ביי איינינע טעלעגראַמעס אַפּלאָדירט מען.

זאַנגוויל שטעלט זיך רעדען.

זאנגווילס רעדע.

דער ציוניזם אונ די צדקה-חברות.

איך וויל רעדען וועגען ציוניזם אונ די צדקה חברות.

וואס דער ציוניזם איז ווייסען מיר, אבער צי ווייסען מיר אויך וואס צדקה איז? צדקה-חברות בעווייזען, אז דער געזעלשאפטליכער ארגאניזם איז קראנק. די היינטיגע געלערנטע ווילען נישט נאר מבטל זיין די צדקות, נאר זיי ווילעז איינארדענען די געזעלשאפט אויף אזא אופן, עס זאל גאר נישט זיין קיין ארט פאר צדקות. אונ מיר יודען, וואס אונזער געזעלשאפטליכעס לעבען איז מעהר קראנק ווי אלע אנדערע, ווילען אין דעם נישט מודה זיין, אונ מיר שטרייטען געגען די צדקה-אבשאפונג.

אט האבען מיר געהאט די בערלינער אספה. דא האבען מיר געזעהן, אז די חברות, וואס זענען געגרינדעט געווארען נאר צוליב עמיגראציע, זענען געגען דער עמיגראציע. די גאנצע עמיגראציע וואס זיי ווילען יא, איז נאר מען זאל אויסוואנדערען פון פאלעסטינא.

אבער מיר גלויבען פארקעהרט, אז נאר די יודישע מדינה וועט אונז אין גאנצען אויסהיילען אונ מיר וועלען קיין צדקה מעהר נישט ברויכען.

באראן הירש האט געזאגט, אז זיין פאנד (יק"א) וועט זיין גאר אין גאנצען אנדערש פון אלע צדקה-אנשטאלטען, אבער מיט וואס איז ער אנדערש? פיידען הערמיט וואס ער אונטערשטיצט איינינע אדוואקאטען.

דער רעדנער געהט איבער צו דער יודישער לאגע. אנשטאט איין שקל, זאגט ער, צאהלען מיר דרייסיג שקלים. מיט דעם געלד וואלט מען געקאנט אבקויפען גאנץ ארץ ישראל. מיר מוזען האלטען שבת צוויי טעג אין וואך, מיר מוזען פאר אונז בויען עקסטרע שולען צום לערנען, בשעת אין די אלגעמיינע שולען צאהלען מיר אויך.

באראן הירש איז געוועזן דער ערשטער, וואס האט זיך גענומען צו א גרויסע קאלאניזאציאן, זיינע שטעלפארטרעטער אבער טון איהם גישט נאך. אין גיכען וועט ווערען דרייצעהן יאהר זייט יק״א איז געגרינדעט. איך לעג זיי פאר, אז זיי זאלען עס אין אונזערע הענט איבערגעבען, זיי קאנען שוין פייערען דעם „בר מצוה" פון זייער שטיפטונג און מאכען די ברכה „ברוך שפטרני מעונשו של זה". (עס ווערד א געלעכטער).

דער רעדנער ווענדט זיך צו די קולטוריסטען. ער זאגט, אז מיר פארבייטען על פי טעות די אגריקולטור (די קולטור פון ערד־ארבייט) אויף קולטור. אין דער אמת'ן קאן איין יאהר פון אגריקולטור אויף אונז בעסער ווירקען ווי צעהן יאהר קולטור־ארבייט.

רעדענדיג פון דער קולטור קומט ער ארויף אויף רבן יוחנן בן זכאי, פון וועלכען ער האט שוין גערעדט ביים פינפטען קאנגרעס.

— אמת, זאגט דער רעדנער, בן זכאי האט טאקי מציל געוועזן דאס יודענטום פון אונטערגאנג, אבער ווען ער וואלט געוואוסט די שרעקליכע טראגעדיע פון אונזער גלות־לעבען, ווען ער וואלט פאר־אויס געזעהן די אלע מורא'דיגע רדיפות און עינויים, וואס מיר ווערען

האבען צו ליידען — וואלט ער ליבערסט געוואלט פאלען אין דער מלחמה, איידער זיך פארשטעלען פאר א מת און זיך אריינגנב'ענען צו די רומאים אין לאגער! דער ארון מיט דאס שטיק פארשטונקענע פלייש, וואס בן זכאי האט זיך געלאזט לעגען ביי דער זייט, דאס איז דער סימבאל פון אונזער גלות לעבען, דאס איז דאס היינטיגע טויטע פארשטונקענע לעבען.

מיר דארפען זיך צוריקקערען צו דער אגריקולטור, צו דער לאנד־ארבייט. אויך די העברייאישע שפראך, וואס זי איז דער יסוד פון אונזער איצטיגער קולטור, וועט נאר דענסטמאל קאנען ווערען איין אמת נאטירליכע שפראך, אז מיר וועלען זיין אין אונזער לאנד, אז זי וועט נישט בעשטעהן פון די געקינסטעלטע אייגענע געמאכטע ווערטער, וואס אונזערע שריפטשטעלער ברענגען אין איהר אריין, נאר פון די נאטירליכע ווערטער, וואס דאס לעבען וועט אין איהר אריינברענגען.

דער רעדנער זאגט ווייטער, אז די מלחמה פאר אונ געגען קולטור שאדט דעם פאלק. אפילו די חסיד'ישע קולטור, וואס איז די קולטור פון די ארטאדאקסען, קאן זיך ענטוויקלען נאר בשעת מיר וועלען זיין אין אונזער אייגען לאנד.

אונ פאר וואס דארפען מיר אזויגע פשוט'ע ווערטער, וואס יעדער בר דעת ווייסט דאס, זאגען אונזער פאלק? ווייל אונזער מח איז נישט מעהר מסוגל צו טראכטען גלייך, נאר מיט פלפולים אונ פארדרעהענישען.

איך געדענק וואס די לעגענדע דערציילט וועגען ר׳ יצחק נפחא, וואס זיינע עלטערן זענען איהם געשטארבען, ווען ער איז נאך א קליין קינד געוועזען. אנשטאט צו האבען דערפון צער האט ער זיך גאר געפרייט, וואס איז, ער וועט נישט נכשל אין דער עבירה פון נישט האלטען בכבוד די עלטערן.

איך וויל אייך נאך דערמאנען א קליינע סצענע פון מיינס איין ערצעהלונג. איהר געדענקט דאך נאך א ודאי דעם מלך הקבצנים. ער האט זיין טאכטער נישט געוואלט חתונה מאכען מיט יענקעלע דעם שנארער, ווייל ער האט זיך דערוואוסט, אז טייל מאל פארדיענט ער געלד דורך ארבייטען אויך. די לאגיק פון מלך הקבצנים קומט אויס, אז ארבייט איז נישט קיין זיכערע פרנסה, ווייל דאס עשירות איז אויך נישט קיין אייביגע זאך, וויפיעל גבירים האבען מיר געזעהן, וואס האבען זייער גאנץ עשירות אנגעווארען, א קבצן אבער האט נישט וואס מורא צו האבען, זיין פרנסה איז א זיכערע, קבצנות וועט קיינ־ מאל נישט אויפהערען!

אט אזוי, קענטיג, מיינען א סך פון אונזער פאלק, מיר זענען אזוי צוגעוואהנט צו שנארעריי, אז מיר מיינען אז אנדערש קאן עס גאר נישט זיין.

אונ מיינט איהר, אז מיר זענען נישט די אייגענע בעלי־הוצאות ווי א גרויסע מדינה? איהר האט א טעות אויב איהר מיינט אזוי. מיר קאנען אויסהאלטען א גאנצע פלאט מיט דעם געלד וואס מיר געבען אוים אויף וואנדערען אונ עס ברענגט אונז נישט קיין נוצען, מיר

הַאלְטֶען מִלְחָמָה צְווִישֶׁען אַלֶע פֶעלְקֶער און אַ חוּץ דֶעם נָאךְ מִיט דִי שְׁלֶעכְטִקֵייט פוּן דִי פֶעלְקֶער, און נָאךְ גְרֶעסֶער אִיז אוּנְזֶער אוּמְגְלִיק, וָואס מִיר וֵוייסֶען פָארְאוֹיס, אַז מִיר וֶועלֶען אִין אוּנְזֶער מִלְחָמָה נִישְׁט מְנַצֵחַ זַיין, אַז דִי מִלְחָמָה וֶועט נָאךְ אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען דָאס יוּדֶענְטוּם...

דֶער רֶעדְנֶער גֶעהְט שְׁפֶּעטֶער אִיבֶּער וֶועגֶען דִי פְרַאגֶע פוּן מִזְרָח־אַפְרִיקַא, עֶר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ, אָבֶּער מֶען פַארְשְׁטֵעהְט, אַז עֶר מֵיינְט דָאס. עֶר זָאגְט, אַז אוּנְז אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר דַוְקָא דִי אוּנ דִי לַאנְד, מִיר קָאנֶען זִיךְ שַׁאפֶען אַ גֵייסְטְלִיכֶע פַּאלֶעסְטִינַא עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ; פָּאלִיטִישֶׁע מֶענְשֶׁען קָאנֶען זִיךְ נִישְׁט אֵיינְשְׁלִיסֶען אִין אֵיין עֶנְגֶען קְרֵייז, זֵיי מוּזֶען אוּרְטֵיילֶען וֶועגֶען דָאס גַאנְצֶע. נָאר אַזַא פָּאלִיטִיק קָאן בְּרֶענְגֶען אַ רֶעזוּלְטַאט צוּ אַ פָּאלִיטִישֶׁע פְרַאגֶע.

מִיר זֶענֶען דָא נִישְׁט צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען בְּלוֹיס זִיךְ דָאס הַארְץ אוֹיסְצוּרֶעדֶען, נָאר צוּ הֵיילֶען אוּנְזֶער קְרַאנְק, צֶעבְּרָאכֶען פָאלְק.

אִין נָאמֶען פוּן דִי עֶנְגְלִישֶׁע צִיוֹנִיסְטֶען לֶעגְט מֶען פָאר מֶען זָאל אוֹיסְקְלוֹיבֶּען אַ קָאמִיסִיֶע וֶועגֶען דֶער מִזְרָח־אַפְרִיקַאנִישֶׁע פְרַאגֶע.

ד״ר גָאבֶּעל אַלְס מִזְרָחִי פְּרָאטֶעסְטִירְט גֶעגֶען זַאנְגְווִילְס רֶעדֶע, און בִּפְרַט גֶעגֶען דֶעם, וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט וֶועגֶען ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי. דֶערוֹיף עֶנְטְפֶערְט ה׳ זַאנְגְווִיל, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט דֶערְמִיט צוּ בֶּעלֵיידִיגֶען דִי גֶעפִיהְלֶע פוּן דִי אָרְטָאדָאקְסִישֶׁע צִיוֹנִיסְטֶען, עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט צוּ בֶּערִיהְרֶען דִי פָּאלִיטִיק פוּן בֶּן זַכַּאי. אַ וַדַאי זֶענֶען

מיר בֶּן זַכַּאי דאַנקבּאר דערפאר, וואס ער האט מציל געוועזן דאס יודענטום, דעם תּנא בּן זכּאי אכטען מיר זעהר. אָבער בּן זכּאי דער פּאליטיקער געפעלט אונז נישט.

ד״ר גאבעל איז נאך דערמיט נישט צופרידען, נאר ווייל עס איז שוין מיטאג צייט רעדט ער דערווייל נישט מעהר. דער קאנגרעס ווערד געשלאסען בּיז פיער דעם זייגער.

די אספה פון די רוסישע דעלעגירטע וועגען מזרח-אפריקא.

די ערשטע אספה.

די נייעס וועגען דאס נייע לאנד אין מזרח-אפריקא, וועלכע ד״ר הערצל האט דעם קאנגרעס פארגעלעגט, האט געמאכט א גוואלדיגען רושם. די רוסישע דעלעגירטע קומען זיך צוזאמען און מאכען וועגען דעם עקסטרע אספות. די ערשטע אספה וועגען דעם איז געוועזען באלד זונטאג. די סצענע איז געוועזען זעהר א טרויעריגע. אלע פיהלען זיך שווער, עפּיס ווי א שווארצער שלייער איז אויף אלעמענס געזיכטער אריבער געצויגען, יעדער פיהלט, אז ער האט דא צו בּעהאנדלען א שווערע פראגע, וואס איין גאט אין הימעל קאן עס בּעשיידען. מען קלויבּט אויס הויפּט-רעדנער.

דער סאפּאצקינער רב ראבּינאוויטש איז בּכלל געגען דעם ישוב אין אפריקא. אויף יעדען אופן, לעגט ער פאר, זאל דער קאנ-

גרעס די דאזיגע פראגע נישט בעהאנדלען אלס ציוניסטישער קאנגרעס נאר אלס פריוואט־קאנגרעס.

ד"ר ווייצמאן לעגט פאר, מען זאל וועגען דעם אונטערהאנדלען מיט די גרויסע קאלאניזאציאנס געזעלשאפטען.

איין אנדערער זאגט מען זאל דעם פראיעקט יא אננעמען, כדי עס זאלען נישט קומען אנדערע נישט ציוניסטען און דאס צונעמען און בעהאנדלען נאך זייער ווילען. ער זאגט, אז מיר דארפען נישט מורא האבען פאר אונזערע ציוניסטישע שטרעבונגען, נישט נאר אלס געיאגטע קנעכט קענען מיר טראגען די ציוניסטישע פאהן, נאר אויך אלס פרייע מענשען, וואס לעבען א פאליטיש לעבען, איך מיין פאר־קעהרט, אז אזיכער ווינקעל וועט נישט נאר ניט שאדען, נאר אדרבא ער וועט נאך ברענגען נוצען.

די אנדערע דריי רעדנער: ד"ר ש. לעווען, אדוואקאט גיסען און ד"ר יאקאבזאהן מיינען אנדערש. קלערער פאר אלעמען האט זיי מיינונג אויסגעשפראכען דער ד"ר יאקאבזאהן.

— דער ציוניזם — זאגט דער רעדנער איז נישט נאר א גאולה נאר אויך א תחיה, נישט נאר איין אויסלייזונג, נאר א ווידער אויפ־לעבונג, די איינציגע קראפט, וואס וועקט אויף אונזערע ברידער אין גלות, איז נאר דאס צוריקקעהרען אין אונזער לאנד און קוים לאזען מיר די דאזיגע שטרעבונג אב איז אלע אונזערע ארבייט בחנם. מען זאגט אונז, אז דער הויפטצוועק איז פאלעסטינא און אויף דאס לאנד אין אפריקא וועלען מיר קוקען ווי אויף איין ארט אויף איבערצונעכ־

טִיגֶען. מִיר שְׁטְרֶעבֶּען, אַז דִי רֶעגִירוּנְגֶען זָאלֶען אוּנְז הֶעלְפֶען בֶּעקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז מִיר וֶועלֶען אָבֶּער הָאבֶּען אַ זִיכֶערְן אָרְט אִין אַפְרִיקָא, וֶועט אוּנְז קֵיינֶער נִיט הֶעלְפֶען צוּ בֶּעקוּמֶען פַּאלֶעסְטִינַא. מֶען וֶועט אוּנְז זָאגֶען וָואס פֶעהלְט אַייךְ, אִיהר הָאט דָאךְ אַיין אֵייגֶען לַאנְד.

ד"ר ש. לֶעוֶוען לֵיגְט פָאר, מֶען זָאל אִין גַאנְצֶען נִישְׁט פַארְהַאנְדְלֶען וֶועגֶען מִזְרַח־אַפְרִיקָא. קוֹים קְלוֹיבְּט מֶען אוֹיס וֶועגֶען דֶער פְּרַאגֶע אַ קָאמִיסִיֶע הֵייסְט דָאס דֶער עֶרְשְׁטֶער שְׁרִיט צוּ אַפְרִיקָא אוּנ דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע בֶּעוֶועגוּנְג וֶועט אַלְץ וֶוערֶען שְׁוַואכֶער אוּנ שְׁוַואכֶער. אֱמֶת מִיר שְׁטְרֶעבֶּען נָאךְ אַ זִיכֶערֶע הֵיים, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף דֶערְוַויל, אוֹיף אִיבֶּערְצוּגֶעכְטִיגֶען, נָאר אוֹיף אַלֶע מָאל אוֹיף אַלֶע טֶעג, אוֹיף אַלֶע יָאהרֶען אוּנ נִישְׁט אוֹיף בַּיי דֶער נַאכְט, אַיין אֵייבִּיגֶע נַאכְט אָן אַ טָאג.

דִי אֲסֵפָה גֶעדוֹיֶערְט בִּיז אֵיינְס דֶעם זֵייגֶער בַּיי נַאכְט. אַלֶע דֶעלֶעגִירְטֶע זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיךְ מִיד פוּן אוֹיפְרֶעגוּנְג אוּנ עַגְמַת נֶפֶשׁ. אַיין דֶעלֶעגִירְטֶער, אַבְּרַאמְסָאן, פַאלְט אִין חַלָשׁוּת.

דִי צְוֵוייטֶע אֲסֵפָה.

מָאנְטָאג 9 דֶעם זֵייגֶער.

ד"ר טְשְׁלֶענָאוו. מִיר הָאבֶּען אִיצְט צוּ בַּאשְׁטֵעהֶען אַ שְׁוֶוערֶען נִסָיוֹן. מִיר דַארְפֶען בֶּעהַאנְדְלֶען אַיין עֶרְנְסְטֶע פְּרַאגֶע, עֶרְנְסְט אִיז דִי פְּרַאגֶע דֶערִיבֶּער, וַוייל אִין אִיהר לִיגְט אַ וִויכְטִיגֶער טֵייל פוּן דֶער בֶּעשֵׁיידוּנְג, דֶען זִי וִויל אוּנְז גֶעבֶּען אַ זִיכֶערֶע הֵיים. אוּנ דֶערִיבֶּער וֶועלֶען מִיר אָן צִיוֹן אִין גַאנְצֶען פַארְגֶעסֶען. אִיךְ בִּין גֶעגֶען דֶעם פְּרָאיֶעקְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען בִּין אִיךְ מַסְכִּים, מֶען זָאל אוֹיסְקְלוֹיבֶּען אַ קָאמִיסִיֶע, וַוייל דִי

פראגע, וואס ד"ר הערצל האט אונז פארגעלעגט אין דעם נאמען פון דער ענגלישער רעגירונג דארף חאטש קומען צו קבורה בדרך כבוד.

נאך ד"ר טשלענאוו האט גערעדט דער רב ראבענאוויטש אונ ער האט אויך מסכים געוועזען צו זעצען א קאמיסיע. דערנאך שטעלט מען די פראגע אויב מען זאל איבערגעבען די דאזיגע פראגע צי נישט. 135 האבען אויפגעהויבען די הענט געגען דער קאמיסיע אונ 78 פאר דער קאמיסיע.

צוויי דריטעל פון די רוסישע דעלעגירטע זענען אלזא געוועזען געגען זעצען א קאמיסיע.

מאנטאג 4 דעם זייגער נאכמיטאג.

מען בעשפרעכט זאנגווילס רעדע, מען געפינט, אז די ווייצען זענען נישט געוועזען נייטיג, ביי אזא ערענסטען קאנגרעס דארף מען רעדען ערנסטער.

די קולטוריסטען פרובירען זיך צונויפצוקומען אונ צו פראטעסטירען, פאר וואס מען רעדט גאר נישט וועגען די קולטור, עס געראט זיי אבער נישט.

די זעקסטע זיצונג.

5 דעם זייגער עפענט זיך די זיצונג. הער ד"ר באדענהיימער איז דער פרעזידענט פון דער זיצונג.

ד"ר נאבעל דער מזרחי פראטעסטירט ווידער געגען זאנגווילען וועגען זיינע ווערטער אויף ר' יוחנן בן זכאי, זאנגוויל פארענטפערט

זיך אונ עס וועט ווערד שלום. מען מעלדט, אז איינינע ציוניסטישע אגודות אין רוסלאנד האבען מנדב געווען צו 100 רובל פארן נאציאנאל-פאנד זיך איינצושרייבען אין גאלדענעם בוך.

ד"ר הערצל געמט איבער דאס פרעזידענטשאפט.

עס הויבט זיך ווידער אן וכוחים וועגען דער מזרח אפריקאנישע פראגע.

ה' ראזענבוים איז געגען זעצען א קאמיסיע, ער זאגט, אז מען דארף נאר שאפען אין פאלק דעם רצון צו פארלאנגען פאלעסטינא וועט מען עס שוין בעקומען, אויב מיר וועלען האבען אין מזרח אפריקא, זאגט דער רעדנער ווייטער, 5 מיליאן יודען וועלען מיר אן פאלעסטינא אין גאנצען פארגעסען.

דער פארזיצענדער בעט דעם רעדנער, ער זאל אביסל מקצר זיין. דער רעדנער זאגט, אז ער ענדיגט שוין, געכטען, זאגט דער רעדנער, האט מען דא געהערט פון איין אומגליקליכע פרוי אין ציפערן, איך מאך דעם פארזיצענדען אויפמערקזאם, אז אין צוויי יאהר שפעטער וועלען דא זיין אזויגע הונדערטער אומגליקליכע פון אפריקא. (מען אפלאדירט א לארם, טייל פראטעסטירען).

זולצבערגער, איין אמעריקאנער, איז פאר די קאמיסיע, ער ווייזט אויף, אז די עמיגראציע אין אמעריקא וועט מען אודאי קורצליך פארביטען, מען מוז געפינען א זיכערע היים פאר יודען, אונ אז מען וויל אונז אזא היים געבען, טארען מיר דאס נישט אוועקלאזען.

ד"ר פּאָסמֶענִיק טְרָאגְט פָּאר, אַז מֶען זָאל אוֹיסְקְלוֹיבֶּען 10 הוֹיפְּט־רֶעדְנֶער 5 פַאר אוּנ 5 גֶעגֶען אַפְרִיקָא. עֶס וֶוערְד אָנְגֶענוּמֶען.

ד"ר ווָארְטְמַאן רֶעדְט גֶעגֶען דֶער קָאמִיסִיֶע, עֶר בֶּעצִיעהט זִיךְ אוֹיף נָארְדוֹיס ווֶערְטֶער, אַז אַפְרִיקָא ווֶעט זַיין פַאר אוּנְז אַיין אָרְט אוֹיף אִיבֶּערְצוּוֶעכְטִיגֶען, דֶער הוֹיפְּט־צִיעל אִיז אָבֶּער פַּאלֶעסְטִינַא אוּנ־זֶערֶע אַרְבֵּייט ווֶעט הַיינְט אַיינְגֶעטְהֵיילְט ווֶערֶען אוֹיף פַּארְמִיטָאג אוּנ נָאכְמִיטָאג: פַּארְמִיטָאג ווָועלֶען מִיר פַארְקוֹיפֶען אַקְצִיֶעס פוּן יוּדִישֶׁען קָאלָאנִיאַל־בַּאנְק אוּנ נָאכְמִיטָאג אַקְצִיֶעס פוּן אַפְרִיקָא. פַּארְמִיטָאג ווָעלֶען מִיר זַיין צִיוֹנִיסְטֶען נָאכְמִיטָאג אַפְרִיקָאנִיסְטֶען.

ד"ר שׁ. לֶעוִוין רֶעדְט מִיט הִתְלַהֲבוּת גֶעגֶען דֶער קָאמִיסִיֶע, עֶר זָאגְט, אַז דָאס הַייסְט גֶעפַּאטְשְׁט דֶעם צִיוֹנִיזְם. מִיר פַּארְטְרוֹיֶען זִיךְ אוֹיף אוּנְזֶערֶע אַנְפִיהְרֶער כָּל זְמַן זֵיי זֶענֶען אִין דֶעם צִיוֹנִיזְם, מִיר הָאבֶּען דֶעם ד"ר הֶערְצְל פַאר צִיוֹן, אָבֶּער נִישְׁט פַאר אַפְרִיקָא.

ד"ר פְּרִידְמַאן רֶעדְט פַאר דֶער קָאמִיסִיֶע, מֶען פַארְלַאנְגְט דָאךְ נָאר פוּן אוּנְז מִיר זָאלֶען אוֹיסְקְלוֹיבֶּען אַ קָאמִיסִיֶע נִישְׁט מֶעהר.

פְּרָאפֶעסָאר בִּילְקָאווְסְקִי רֶעדְט גֶעגֶען דֶער קָאמִיסִיֶע עֶר זָאגְט, אַז מֶען דַארְף דִי הָאפְנוּנְג אוֹיף פַּאלֶעסְטִינַא נִישְׁט פַארְלִירֶען מִיר דַארְפֶען נִישְׁט אָבְּטְרֶעטֶען פוּן דֶעם בַּאזֶעלֶער פְּרָאגְרַאם.

ד"ר קַאצֶענֶעלְסָאן רֶעדְט פַאר דֶער קָאמִיסִיֶע. דוּרְךְ לִיבּוּ, וואוּ אִיךְ וואהן, זָאגְט עֶר, פָאהְרֶען דוּרְךְ עֶמִיגְרַאנְטֶען אוּנ אִיךְ הָאבּ דִי גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ זֶעהן דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע, מִיר טָארֶען זֵיי נִישְׁט לָאזֶען ווַייטֶער לַיידֶען, מִיר מוּזֶען פַאר זֵיי גֶעפִינֶען אַ זִיכֶערֶע הַיים.

ד"ר טשלענאוו האלט זיך ווי פריהער ביי דאס זיינינגע, אז נאר פאלעסטינא דארף זיין אונזער היים, אונ אויב מיר קאנען איהר נישט בעקומען היינט וועלען מיר איהר בעקומען שפעטער. מיר מוזען ווארטען.

ד"ר פונק (א מזרחי). מענשען געהען פאר אונזערע אויגען אוים פון הונגער אונ איהר רעדט נאר וועגען אידעאלען, אמת ציון איז אונזער הויפט־צוועק, מען דארף אבער אונזערע אומגליקליכע ברידער אויך אין זינען האבען.

ד"ר **כהן בערנשטיין** גיט איין עצה, מען זאל פרעגען דאס פאלק, אבער דאס פאלק, זאגט ער, איז קראנק, מען קאן זיך אויף דעם קראנקען נישט פערלאזען נאר אויף דעם דאקטאר. איך מיין אז מען זאל פאלגען די רוסישע דעלעגירטע, וואס האבען דעם פארשלאג פון ענגלאנד אבגעשטויסען מיט רוב דעות אונ דאנקען ענגלאנד פאר איהר גוטהערציגקייט.

ד"ר **גראנעמאן** זאגט, אז מען דארף יא זעצען א קאמיסיע דער פחד, אז מען וועט פארגעסען אן ציון, איז איין אומזיסטיגער.

ד"ר יאקאבסאן מיינט, אז עס וועט נאך לאנג דויערען ביז מען וועט עפים קאנען טון וועגען אפריקא, די עמיגראציע קאן סאי וסאי נישט ווארטען, זי וועט זיך אליין אויסזוכען איהר וועג. איך בין געגען דער קאמיסיע. אונזער צוועק איז ציון.

פינס זאגט, אז געגען דער קאמיסיע קאנען זיין די וואס

הָאבֶּען גוּטֶע שְׁטֶעלֶעס אָדֶער אַנְדֶערֶע גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, אָבֶּער פְּרֶעגְט אַקָארְשְׁט דִי וָואס הָאבֶּען גָאר נִישְׁט, וָואס וֶועלֶען זֵיי אַייךְ עֶנְטְפֶערְן.

ד"ר מַארְמָארֶעק: אִיךְ בִּין גֶעגֶען אַפְרִיקָא, וַוייל זִי אִיז גֶעגֶען צִיוֹן, אָבֶּער אַ קָאמִיסִיֶע זֶעצֶען קָאן מֶען דָאךְ, זֵיי וֶועלֶען דָאךְ קֵיין זַאךְ נִישְׁט בֶּעשְׁלִיסֶען אֵיידֶער זֵיי וֶועלֶען אוּנְז פְּרֶעגֶען.

גְבַאנָוואסְקִי: חָאטְשׁ מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעגֶען אַפְרִיקָא, וַוייס אִיךְ פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען נִישְׁט צִי זָאל אִיךְ זַיין פַאר אָדֶער גֶעגֶען.

ד"ר פּוּנְס זָאגְט: הוּנְדֶערְטֶער יָאהרֶען לַיידֶען מִיר פַאר אוּנְזֶערֶע אִידֶעאַלֶען, מִיר ווִילֶען וַוייטֶער לַיידֶען אוּנ טְרַיי בְּלַייבֶּען אוּנְזֶערֶע אִידֶעאַלֶען. מֶעג אַפְרִיקָא זַיין אַיין אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ אוּנ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אַ ווִילְדֶע סְטֶעפּ ווִיל אִיךְ בֶּעסֶער אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וַוייל דָאס אִיז אוּנְזֶער לַאנְד. קָאלָאנִיזַאצִיֶע קָאן מֶען דָאךְ הַיינְט אוֹיךְ מַאכֶען אִין פַּאלֶעסְטִינַא, וָואס ווִילֶען מִיר מֶעהר? פָּאלִיטִישֶׁע רֶעכְטֶען? נַיין רַבּוֹתַי! דָאס קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, דָאס נֶעמְט מֶען זִיךְ אַלֵיין.

ד״ר הֶערְצְל פְּרָאטֶעסְטִירְט גֶעגֶען אַזוֹיגֶע רֵעד וָואס פַּאסְט נִישְׁט פַאר דֶעם קָאנְגְרֶעס.

שְׁפֶּעטֶער רֶעדֶען אַ טֵייל פַאר דֶער קָאמִיסִיֶע אוּנ אַ טֵייל גֶעגֶען, [illegible], אוּנ ד"ר מָאזֶעס פַאר דֶער קָאמִיסִיֶע, מַאנֶעסְזָאהן אוּנ בַּאהַארְטְשֶׁעוו. וֶועלְכֶע רֶעדְט הֶעבְּרֶייאִישׁ, זֶענֶען גֶעגֶען דִי קָאמִיסִיֶע.

נָאךְ צְוֶועלְף דֶעם זֵייגֶער וֶוערְד דִי אֲסֵפָה גֶעשְׁלָאסֶען.

די זיבענטע זיצונג.

מיטוואך 10 דעם זייגער.

ד"ר הערצל עפענט די אספה. ער שטעלט פאר דעם ד"ר אפענהיימער, א געלעהרנטער עקאנאם, וואס איז נישט לאנג געווארען ציוניסט.

ד"ר אפענהיימער האלט א רעדע, אין וועלכע ער ווייזט אויף, וואס פאר א שווערע אויפגאבע דער ציוניזם האט זיך אונטער־גענומען, איבערצופיהרען א גאנץ פאלק פון איין לאנד אין א צווייטען, מאכען פון א פאלק וואס האט שוין טויזענטער יאהרען זיך ניט בע־שעפטיגט מיט לאנד־ארבייט פאר קאלאניסטען אין איין אקלים, צו וועלכען זיי זענען נישט געוואהנט, און דעריבער, זאגט דער רעדנער, איז קיין וואונדער נישט, וואס פיעל גלויבען נישט, אז דער ציוניזם וועט קאנען אויסגעפיהרט ווערען. גאר קיין אוממעגליכעס איז אויף דער וועלט נישטא, דער פרייהייטס־געפיהל פון פאלק, וואס שטרעבט צו בעקומען אהיים אליין פאר זיך, וועט אלע שוועריגקייטען אריבער טראגען און סוף כל סוף וועלען מיר קומען צו אונזער ציעל.

די ציוניסטישע קאלאניזאציע, זאגט דער רעדנער, דארף שטרעבען:

1) זיך צו גרינדען נאר אויף זעלבסט־הילף, דאס הייסט דאס פאלק דארף נישט זוכען קיין הילף ביי פרעמדע, נאר איין יוד מוז העלפען ביי'ם בעזעצען זיך, דעם אנדערן, אבער מעהר נישט ווי בשעת דעם בעזעצען זיך, דענסטמאל דארף מען ענטוועדער לייען

געלד אויף אויס צו צאהלען, אדער געבען במתנה א געוויסע סומע און דערנאך מוז יעדער קאלאניסט זארגען פאר זיך, ביי פרעמדע קאנען מיר לכל היותר פרעגען איין עצה פון ספעציאליסטען, ארבייטען אבער דארפען מיר אליין אהן א שום פרעמדע הילף.

2) די קאלאניזאציע דארף דער עיקר געגרינדעט ווערען אויף לאנד־ארבייט; שפעטער וועלען זיך שוין ממילא ענטוויקלען די אנדערע קלאסען ארבייטער, אבער דער עיקר מוז דורכאויס זיין לאנד־ארבייט. ווייל דאס איז דער יסוד פון יעדער מדינה.

3) דאס לאנד דארף געהערען צום גאנצען פאלק און יעדער דארף זיך בעטראכטען ווי ער דינגט זיין חלק לאנד פון גאנצען קהל. נאר נאטירליך, ווי לאנג ער ארבייט זיין לאנד גוט, בלייבט ער דארטען אויף אלעמאל און מען טאר פון איהם דאס לאנד נישט אוועקנעמען. דער דאזיגער פונקט איז געגרינדעט אויף דעם יסוד פון יובל, וואס איז געווען איינגעפיהרט ביי יודען בשעת זיי זענען געוועזען אין ארץ־ישראל.

נאכדעם ווי אפענהיימער ענדיגט די רעדע הויבען זיך ווידער אן וכוחים וועגען מזרח־אפריקא. עס רעדען נאך זיבען דעלעגירטע. בענטעוויטש פון לאנדאן איז געגען דער קאמיסיע, ווייל מען האלט נישט ביי'ם בעשיידען א פראגע לפי שעה, נאר איין איביגע פראגע. ד"ר לעפאלד קאהן מיינט אבער, אז אפריקא קאן אונז פארבערייטען צו ציון. דארט וועלען מיר זיך אויסלערנען זיין א פאליטיש פאלק.

ד"ר ב ר ו צ ק ו ס פון פעטערסבורג ווייזט אויף, אז לכל היותר

קאן מען אין אפריקא בעזעצען א גאנץ קליינע צאהל, ער מיינט אז עס איז בעסער מען זאל זיך בעשעפטיגען מיט קליין קאלאניזאציע אין פאלעסטינא. ד"ר פארבשטיין זאגט, אז מען קאן די הונגעריגע נישט לאזען לענגער ווארטען, מען מוז זיי שוין געבען ברויט, און אויב נאר אפריקא קאן אונז געבען ברויט, טאר מען איהר נישט אוועקלאזען. ד"ר הייגריך לעווע זאגט, אז דעריבער זענען א סך נוטה צו אפריקא, ווייל זיי מיינען, אז אונזער פאליטיק אין ציון שטעהט שלעכט, עס איז אבער נישט אמת, מיר זענען קיינמאל נישט אזוי גאהנט געווען צו ציון ווי היינט. מיר דאכט, אז ד"ר הערצל וויל אונז נאר פריווען, אויב מיר זענען פעסטע ציוניסטען, איהר ווילט ארבייט טוט די דאזיגע ארבייט: שאפט אב דעם אפריקא-פראיעקט און געהט מיט אונזער אנפיהרער קיין ציון.

ד"ר הערצל שמייכעלט צו הערענדיג די לעצטע רייד מיט א הסכמה:

ד"ר אווינאוויצקי זאגט, אז ער טרויט הערצל'ן, אז ער וועט קיינמאל דעם באזעלער פראגראם נישט ענדערן. והראיה, אז בשעת ער איז געוועזען אין פעטערסבורג האט ער שוין געהאט דעם פראיעקט וועגען אפריקא און פונדעסטוועגען האט ער דארטען נאר פון פאלעסטינא גערעדט. אז ד"ר הערצל הייסט זעצען א קאמיסיע איז די קאמיסיע א ודאי נייטיג. ה' ראזענבוים פון יאסי זאגט, אז דא, אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס טאר מען וועגען אפריקא נישט רעדען. מען קאן זיך בעשעפטיגען מיט קאלאניזאציע אין אפריקא, אבער

דער ציוניזם טאר זיך דערמיט נישט פארנעמען. דערנאך שטעלט זיך נארדוי רעדען, ער פערזיכערט, אז פון די ציוניסטישע געלדער וועט מען נישט איין פרוטה ריהרען, א חוץ פאר די וויסענשאפטליכע עקספעדיציע, אלע אנדערע הוצאות וועט מען נעמען ערגעץ אנדערש. ער פערזיכערט, אז ער אליין איז נישט פאר אפריקא, פשוט ווייל ער ווייסט נישט וואס פאר א לאנד דאס איז, נאר ער איז מסכים, אז מען זאל דאס איבערגעבען צו א קאמיסיע פון ספעציאליסטען און אז זיי וועלען אונז זאגען, אז דאס לאנד איז גוט וועלען מיר דענסטמאל רעדען וועגען איין ארט אויף איבערצונעכטיגען, די קאמיסיע וועט דאך אייך צו קיין זאך נישט נייטען, זי וועט אייך נאר זאגען, צי דאס לאנד איז גוט אדער נישט. און דער ספעציעל צונויפגערופענער קאנגרעס צוליב דעם וועט ענטשיידען יא אדער ניין.

ד"ר הערצל בעט דעם ה' גרינבערג, ער זאל פארלייענען דעם דאקומענט פון דער ענגלישער רעגירונג:

דער דאקומענט פון דער ענגלישער רעגירונג.

דער דאזיגער דאקומענט איז א בריף, וואס קלעמענט היל, דער סעקרעטער פון דער פאליטישע קאנצעלאריע איבער די מדינות וואס שטעהען אונטער דעם שוץ פון דער ענגלישער רעגירונג, האט געשריבען צו ה' גרינבערג.

דעם 14 אויגוסט 1903.

געעהרטער העדר!

ה' טשעמבערלין האט איבערגעגעבען דעם מארקיז לאנדסדוין אייער בריף, וואס איהר האט געשריבען דעם 13 אין

פאריגען חודש, אין וועלכען עס איז צו געלעגט א פראיעקט פון ד״ר הערצל, וועגען איין אבמאך צווישען די רעגירונג פון אונזער קעניג־ליכען מאיעסטעט אונ צווישען דער יודישען קאלאניאל־באנק וועגען גרינדען א יודישע קאלאניזאציע אין מזרח־אפריקא.

דער מארקיז לאנדסדוין האט אויך איבערגערעדט וועגען דעם וואס איהר האט מיט איהם גערעדט דעם 6־טען פון היינטיגען מאנאט מיט דעם הערן E. Barsington אונ מיט דעם הערן Hurst.

דער מארקיז לאנדסדוין האט מיר געהייסען אייך מודיע, זיין אז ער האט וועגען דעם פראיעקט גוט נאכגעקלערט. בכלל איז דאס הארץ פון אונזער קעניגליכער מאיעסטעט שטענדיג וואך צו אלץ, וואס עס טוט זיך לטובה די יודען. די צייט איז צו קורץ געוועזען אונ ער האט נישט בעוויזען צו רעדען בפרטות וועגען דעם פראיעקט אונ דעריבער קאן איך מיין מיינונג נישט זאגען אויף געווים.!

דער מארקיז לאנדסדוין מיינט, אז פון דער יודישען באנק זאל מען שיקען אייניגע מענשען אין די מזרח אפריקאנישע מדינות, וואס שטעהען אונטער אונזער רעגירונגס שוץ, כדי זיי זאלען אליין זעהן, אויב דאס לאנד טויג צו זייער צוועק; אונ אויב יא, וועט ער עס האלטען פאר א גליק, אז ער וועט אייך די זאך קענען פערלייכטערן; כדי איהר זאלט קענען רעדען מיט דעם פארטרעטער פון דער רעגירונג, אונ אויף דעם קינפטיגען קאנגרעס וועט איהר שוין קענען פארטראגען די פארהאנדלונג וועגען דעם, אונ וועט בעשליסען אויף וואס פאר

איין אופן קאן מען גרינדען א קאלאניזאציע פאר יודען אין יענער מדינה.

אז איהר וועט געפינען א מדינה, וואס די שליחים פון באנק און די פארטרעטער פון אונזער רעגירונג וועלען דערויף מסכים זיין אז זי איז לויט אייער רצון, איז דער לארד לאנדסדוין גרייט אנצונעמען אייער פראיעקט וועגען גרינדען א קאלאניזאציע פאר יודען, וואו זיי וועלען קענען היטען זייערע מנהגים ווי זיי ווילען נאר אליין. צו דעם צוועק איז ער גרייט, אויב די מדינה וועט אייך נאר געפעלען, און אויב די רעגירונגס-פארטרעטער, וואס האבען צו זאגען אויף די ענינים פון מזרח-אפריקא וועלען דערויף מסכים זיין, זיך איין עצה צו האלטען בפרטות וועגען דעם פראיעקט. איהרע הויפט-תנאים וועלען זיין: אייך צו געבען א מדינה, וואו מען וועט קענען בעזעצען זעהר א גרויסע צאהל מענשען, מען זאל בעשטימען א יודישען מנהיג פאר דעם פרעזידענט פון לאנד, און אין גאנצען די פרייהייט אין די אינערליכע הערשאפט פון לאנד און אין אלע ענינים פון גלויבען. די הערשאפט אייערע וועט אבער שטעהן אונטער די הויפט-השגחה פון פון אונזער רעגירונג.

עס איז איצט נישט נייטיג צו רעדען מיט אייך קיין סך וועגען די פרטים פון דעם דאזיגען פראיעקט, אויף וואס פאר א תנאים מען וועט אייך דאס לאנד געבען, צי מען וועט אייך דאס פארקויפען לחלוטין, אדער פארדינגען, נאר דער מארקיז לאנדסדוין מיינט, אז די הוצאות פון די הערשאפט וועט נישט זיין אויף חשבון פון אונזער

רעגירונג. אויך האט זי דאס רעכט פון אייך עס צוריק צו צונעמען, אויב איך וועט דארטען נישט געראטען.

אייער ערגעבענסטער פריינד Clement Hill

די אכטע זיצונג.

מיטוואך 4 דעם זיינער נאכמיטאג.

הערצל האלט א רעדע אונ ער בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכ־קייט, צו ווירקען אויף דעם קאנגרעס, ער זאל בעשליסען צו זעצען א קאמיסיע, אויב מיר וועלען די קאמיסיע נישט זעצען קאן די ציוניס־טישע ארבייט נאך שווערער זיין אונ אפשר גאר אוממעגליך. מען שטעלט צום אבשטימונג. רוב דעות 295 זענען פאר דער קאמיסיע אונ 177 געגען דער קאמיסיע.

די מורשים: כהן־בערנשטיין, טשלענאוו, ברוק, טעמקין אונ יאקאבסאהן גיהען ארויס פון זאל מיט א לארם, זיי דריקען דערמיט אויס זייער פראטעסט געגען די חברים פון אקציאנס־קאמיטעט.

מעהרערע רוסישע דעלעגירטע, וואס זענען געגען דער קאמיסיע גיהען צוזאמען מיט די מורשים ארויס פון זאל.

ביז 4 א זייגער ביינאכט דויערט די זיצונג.

מען טראגט צולעצט פאר איינינע פראיעקטען: 1) אז הוצאות אויף דער עקספעדיציע זאל מען נישט נעמען פון דער ציוניסטישער קאסע. 2) איידער מען וועט שיקען די עקספעדיציע אויסצופארשטען דאס נייע לאנד זאל מען צוזאמען רופען איין אספה פון גרויסען

אַקְצִיאָנְס־קָאמִיטֶעט. הֶערְצְל אִיז מוֹדִיַע צְוֵויי מָאל, אַז עֶר וִויל קוּמֶען אוֹיף דֶער אֲסֵפָה פוּן דִי וָואס זֶענֶען אַרוּים פוּן זַאל, מֶען ווִיל אִיהם נִישְׁט גֶערְן אַרַיינְלָאזֶען, מֶען נֶעמְט אִיהם אָבֶּער דָאךְ אַרַיין, אָבֶּער מֶע׳ בֶּעגֶעגֶענְט אִיהם קַאלְט.

ה׳ רָאזֶענְבּוֹים מֶעלְדֶט דֶעם ד״ר הֶערְצְל, אַז דִי חֲבֵרִים פוּן גְרוֹיסֶען אַקְצִיאָנְס־קָאמִיטֶעט, הָאבֶּען בֶּעשְׁלָאסֶען זִיךְ אָבְּצוּזָאגֶען, וַוייל ד״ר הֶערְצְל גֵייט זֵיי צוּ טוּן זַיין רָצוֹן.

ד״ר הֶערְצְל רֶעדְט מִיט אַ ווַייךְ קוֹל. עֶר פַארְזִיכֶערְט ווִידֶער, אַז עֶר מֵיינְט נָאר צִיוֹן, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז נֵייטִיג בַּאלְדִיגֶע הִילְף. אוּנ דָא הָאט מֶען אַזַא פְּרָאיֶעקְט, קֶענֶען מִיר דָאס נִיט אָבְּשְׁטוֹיסֶען, מִיר דַארְפֶען דָאךְ ווִיסֶען אוּנְזֶער אֱמֶת׳ע לַאגֶע, מִיר דַארְפֶען זִיךְ נִישְׁט נַארֶעי׳ קֵיין מָארַאלִישֶׁע קְרֶעפְטֶע הָאבֶּען מִיר נִישְׁט, קֵיין גֶעלְד הָאבֶּען מִיר נִישְׁט, אָט אַזוֹי הֶעלְפְט אִיהר מִיר דָאס. בִּשְׁעַת אִיךְ בִּין צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל, אִיז דִי יְשׁוּעָה גֶעוֶועזֶען נָאר נָאהֶנְט, מֶען הָאט נָאר גֶעבְּרוֹיכְט אַנְדֶערְהַאלְבֶּען מִילְיָאן פוּנְט שְׁטֶערְלִינְג, דֶענְסְטְמָאל הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי גֶעשְׁרַייעֶן אוּנ דִי לַארְמֶעס אוּנ קוֹים מִיט צָרוֹת הָאט מֶען צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אַכְצִיג טוֹיזֶענְט פוּנְט. וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאלְט טוּן? מִיר קֶענֶען זִיךְ דָאךְ נִישְׁט פַארְדְרֵיעֶן דֶעם קָאפּ מִיט פוּסְטֶע פַאנְטַאזִיעֶס. מִיר מוּזֶען עֶפִּיס טוּן. דֶער וֶוער עֶס זָאגְט אַז אִיךְ מַאךְ אִיבֶּער דֶעם בַּאזֶעלֶער פְּרָאגְרַאם טוּט מִיר אַ גְרוֹיסֶע עַוְלָה.

ד״ר הֶערְצְלְ׳ס רֵייד הָאבֶּען גֶעווִירְקְט, דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוָוארֶען גֶעלַאסֶענֶער.

די נײַנטע זיצונג.

דאָנערשטאָג 9 דעם זייגער אין דער פֿריה.

מיט אַ לאַרם פֿון „הידד" בעגעגענט דער קאָנגרעס דעם ד"ר הערצל. דערנאָך האַלט ה' סאָקאָלאָוו אַ רעדע „וועגען דעם ציוניזם און צדקה אין מזרח איראָפּאַ", אין וועלכער ער ווייזט אויף ווי מען דאַרף די פֿאָרם פֿון צדקה איבערמאַכען, און אַריינברענגען אין איהר אַ ציוניסטישען גייסט.

נאָך סאָקאָלאָוו האַלט אינזשיניר קרעמניצקי פֿון ווין אַ רעדע וועגען נאַציאָנאַל־פֿאָנד און ער בעשולדיגט די ציוניסטען, אַז זיי פֿאַרהאַלטען זיך צו גלייכגילטיג צו דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד, אויך ד"ר פֿאַרבּשטיין האַלט אַ רעדע, אָבער מען הערט איהם שוין אונגעדולדיג, דער עולם איז שוין מיד פֿון די וכוחים וועגען מזרח־אַפֿריקאַ.

דער קאָנגרעס בעשטימט:

1) די תקנות־בעשטעטיגונג פֿון דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד זאָל מען איבערגעבען דער „יאַהרעסקאָנפֿערענץ".

2) פֿון דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד געלד זאָל מען קויפֿען לאַנד אין פּאַלעסטינאַ און אין די דערבּייאיגע לענדער.

3) דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד קאָן אָנהייבען אַרבּייטען ערשט דענסטמאָל ווען עס וועט שוין זיין 200,000 פֿונט.

אַז עס וועט שוין די דאָזיגע סומע זיין קאָן מען מיט אַ העלפֿט געלד אָנהייבען צו קויפֿען לאַנד אין פּאַלעסטינאַ און דאָס איבּריגע זאָל בלייבען ליגען אַלס פֿאָנד.

נאר אויב דריי פערטעל פון די וואס האבען צו זאגען איבער נאציאנאל-פאנד וועלען געפינען פאר נייטיג צו קויפען לאנד נאך איידער עס וועט זיין די 200,000 פונט, מעגען זיי קויפען.

די צעהנטע זיצונג.

דאנערשטאג 4 דעם זייגער נאכמיטאג.

א דעלעגירטער פון ארגענטינע שילדערט די דארטיגע יודישע לאגע, דערנאך לייענט ה' וואלפזאהן דעם חשבון פון קאלאניאל-באנק, און איז מודיע, אז עס איז צו האפען, אז די רוסישע רעגירונג וועט אראבנעמען דעם איסור פון די אקציעס און וועט ערלויבען עפנען אין רוסלאנד אבטהיילונגען פון קאלאניאל-באנק. ה' סאקאלאוו איז מודיע וועגען דער ענציקלאפעדיע. ד"ר סאסקין לעגט פאר מען זאל שיקען א וויסענשאפטליכע קאמיסיע אויספארשען פאלעסטינא. ד"ר האנטקע אין נאמען פון די דייטשע דעלעגירטע איז דערצו מסכים און פארלאנגט צו דעם צוועק פון קאנגרעס 15,000 פראנק, מען נעמט עס אן, אהן שום ווכוחים.

די לעצטע זיצונג.

פרייטאג.

אין די לעצטע זיצונג איז אנגענומען געווארען מען זאל תיכף אנהויבען קויפען פון דעם נאציאנאל-פאנד-געלד לאנד אין פאלעס-טינא, און נישט ווארטען ביז עס וועט זיין 200,000 פונט.

ד״ר הֶערְצְל הַאלְט דִי שָׁלוֹם רֶעדֶע, עֶר פַארְזִיכֶערְט פֶּעסְט, אַז גְּיִשְׁט אַיין אַיינְצִיגֶע רֶגַע וֶועט עֶר צִיוֹן אַרוֹיסְלָאזֶען פוּן זִינֶען, מִיט אַ צִיטְרִיג קוֹל זָאגְט עֶר אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ „אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלַיִם תִּשְׁכַּח יְמִינִי״. ד״ר הֶערְצְל עֶנְדִיגְט זַיין רֶעדֶע אוּנ אִיז מוֹדִיעַ, אַז דֶער קָאנְגְרֶעס אִיז גֶעשְׁלָאסֶען, מֶען קְלוֹיבְּט אִיהם אוֹיס צוּם פְּרֶעזִידֶענְט פוּן אַקְצִיאָנְס־קָאמִיטֶעט. דִי וַואהל וֶוערְד אָנְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת.

אַ לַארְם אוּנ אַ גֶעשְׁרַיי פוּן „הֵידָד״ הֶערְט אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט אוֹיף. אַלֶע חֲבֵרִים פוּן קָאנְגְרֶעס שְׁטֶעלֶען זִיךְ אוֹיף, מֶען זִינְגְט דִי „הַתִּקְוָה״ מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת. זִינְגֶענְדִיג „עוֹד לֹא אָבְדָה תִקְוָתֵנוּ״ צִיטֶערֶען דִי פֶענְסְטֶער פוּן קַאזִינַא.

מֶען מַאכְט דֶעם ד״ר הֶערְצְל אוּנ דִי פָארְשְׁטֵעהֶער גְרוֹיסֶע אַוַוא־צִיעֶס, מֶען הַאלְט אַ סַךְ רֶעדֶען אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ. אוּנ שְׁרַייעֶנְדִיג „לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם״ פַארְלָאזְט מֶען דֶעם זַאל.

אַ בְּרִיף צוּ ד״ר הֶערְצְל.

אִין דֶער צַייטוּנְג „דִי וֶועלְט״, וָואס אִיז עֶרְשִׁינֶען אִין דֶער צַייט פוּן קָאנְגְרֶעס אִין בַּאזֶעל, אִיז אָבְּגֶעדְרוּקְט מִיט דֶער הַסְכָּמָה פוּן דֶעם אַקְצִיאָנְס־קָאמִיטֶע דֶער דָאזִיגֶער בְּרִיף צוּ ד״ר הֶערְצְל:

„מַיין הֶער! אִיהר הָאט אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַייעֶר ווּאוּנְשׁ, אַז אִיהר ווִילְט עֶס זָאל בַּיי אַייךְ בְּלַייבֶּען דָאס רֶעזוּלְטַאט פוּן דֶער אוּנְטֶע־הַאנְדְלוּנְג, וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען צְוִוישֶׁען אוּנְז; אִיךְ טוּ אַייעֶר ווּאוּנְשׁ

גֶערְן, אָבְּצווֶוענְדֶען יֶעדֶע זַאךְ, וָואס קָאן בְּרֶענְגֶען צוּפִיעל גְרוֹיסֶע הָאפְנוּנְגֶען אָדֶער שְׁרֶעק.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט דִּי גֶעלֶעגֶענְהֵייט אַייךְ צוּ עֶרְקְלֶערֶען דִּי מֵיינוּנְג פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג אִיבֶּער דֶעם צִיוֹנִיזְם. דִּי דָאזִיגֶע מֵיינוּנְג קָאן זֵעהר לַייכְט בְּרֶענְגֶען, אַז דִּי רֶעגִירוּנְג זָאל עֶנְדֶערְן אִיהר פָּאלִיטִיקְע פוּן גֶעדוּלְדִקֵייט אוֹיף דֶעם סִיסְטֶעם צוּ בֶּעגְרֶענְצֶען דֶעם צִיוֹנִיזְם מִיט אַזוֹיגֶע בֶּעגְרֶענְצוּנְגֶען, וֶועלְכֶע קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶער נַאצִיאָנַאלֶער זֶעלְבְּסְט בֶּעשִׁיצוּנְג פוּן יֶעדֶען לַאנְד.

כָּל־זְמַן דֶער צִיוֹנִיסְטִישֶׁער צְוֶועק אִיז גֶעוֶועזֶען צוּ גֶעבֶּען יוּדֶען אַ פְרַייֶען ווִינְקֶעל אִין פַּאלֶעסְטִינַא; כָּל־זְמַן עֶר הָאט גֶעשְׁטְרֶעבְּט צוּ אָרְדֶענֶען אַיין אָרְגַאנִיזִירְטֶע אוֹיסְוַואנְדֶערוּנְג פוּן אַ גְרוֹיסֶע צָאהל יוּדֶען פוּן אוּנְזֶער לַאנְד, הָאט דִּי רֶעגִירוּנְג גֶעקָאנְט קוּקֶען דֶערוֹיף מִיט צוּפְרִידֶענְהֵייט; נָאר פוּן דֶער צַייט, וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז דֶער צִיוֹנִיזְם רֶעכֶענְט אִיבֶּערְצוּבַּייטֶען זַיין הוֹיפְּט־צְוֶועק אוּנ ווִיל זִיךְ גָאר פַּארְנֶעמֶען מִיט דֶער פְּרָאפָּאגַאנְדַא צוּ פַארְאֵיינִיגֶען אַלֶע יוּדֶען פוּן אוּנְזֶער לַאנְד מִיט אַיין נַאצִיאָנַאלֶען גֵייסְט, פַארְשְׁטֵעהט זִיךְ, אַז דִּי רֶעגִירוּנְג קָאן נִישְׁט דוּלְדֶען אַ גְרוּפֶּע מֶענְשֶׁען, וָואס דִּי לִיבֶּע צוּ אוּנְזֶער פַאטֶערְלַאנְד וֶועט זֵיי זַיין פְרֶעמְד אוּנ אָפְט אוֹיךְ פַארְהַאסְט.

אוּנ דֶערִיבֶּער קָאן נָאר דֶענְסְטְמָאל דֶער צִיוֹנִיזְם בֶּעקוּמֶען צוּטְרוֹי, וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטֶען בַּיי זַיין עֶרְשְׁטֶען פְּרָאגְרַאם. דֶענְסְטְמָאל קָאן עֶר זִיכֶער זַיין, אַז עֶר וֶועט בֶּעקוּמֶען מַאטֶערִיעֶלֶע אוּנ גֵייסְטִיגֶע שְׁטִיצֶע צוּ זַיינֶע פְּרַאקְטִישֶׁע שְׁטְרֶעבּוּנְגֶען, אוֹיף וִויפִיעל עֶס וֶועט

איהם געראטען צו פארקלענערן די צאהל פון די יודען אין אונזער לאנד.

די דאזיגע שטיצע קאן בעשטעהן: ערשטענס, צו ווירקען בײ דער טערקישער רעגירונג לטובה פון דעם ציוניסטישען צוועק; צווייטענס צו פארלייכטערן די ארבייט פון די אויסוואנדערונג-קאמיטעטען, און צו געבען די הוצאות פאר די דאזיגע קאמיטעטען, נאטירליך נישט פון דער רעגירונגס קאסע, נאר פון יודישע געלדער, וואס געפינען זיך אין דער רעגירונגס-קאסע.

איך געפין פאר נייטיג צו-צוגעבען, אז כאטש די רעגירונג האט געמוזט בײ דער יודענפראגע זיך רעכענען מיט די אינטערעסען פון לאנד, איז זי דאך קיינמאל נישט אבגעטרעטען פון די הויפט מענשליכע און מאראלישע יסודות. די לעצטע צייט האט זי אויך פארגרעסערט דאס וואהנרעכט, און מען קאן האפען, אז די איינפיהרונג און די ענטוויקלונג פון די איבענדערמאנטע מיטלען וועלען העלפען פארבעסערן די יודישע לאגע אונד איבערהויפט, ווען זייער צאהל וועט פארקלענערט ווערען דורך דער אויסוואנדערונג".

דאס לאנד אוגאנדא.

דער באזעלער קאנגרעס האט בעשלאסען דורך א גרויסע מעהרהייט פון די דעלעגאטען, צו שיקען א קאמיסיע אויסצופארשען דאס לאנד אוגאנדא אין אפריקא, כדי צו וויסען, אויב עס איז

בכלל גוט דארט א יודישע קאלאניזאציע צו גרינדען אונ אויף וועלכע אופנים. די ענגלישע רעגירונג איז, ווי עס איז שוין לאנג בעקאנט, צו אונזער פאלק זעהר גוט אונ זי אליין לעגט אונז דאס דאזיגע לאנד פאר דארט א יודישע קאלאניזאציאן צו מאכען מיט איין אייגענע רעגירונג. דעריבער געפינען מיר פאר נייטיג צו בעקענען די לעזער מיט דעם לאנד אוגאנדא. אגב וועלען מיר זיך אביסל בעקענען מיט די געגענדען אין אפריקא, וועלכע גרענצען זיך מיט'ן אלטען מצרים אונ אראביע אונ צוגלייך אויך מיט אונזערע ברידער אין אביסיניע (כוש), וואס מען זאגט, אז זיי שטאמען אב פון די עשרת השבטים.

די צייטונג „דער פריינד" נומער 177 אין דער ביילאגע ז' 9 שרייבט וועגען די שרעקליכע דזומא־קראנקהייט (פעסט), וועלכע הערשט אין די הייסע זומפיגע געגענדען, אונ רעכענט אריין אויך די ברענענדיגע אוגאנדא צווישען יענע שרעקליכע געגענדען. ווען דאס זאל אמת זיין איז דאס שוין גאנץ גענוג יעדען געדאנקען פון א יודישע קאלאניזאציע אין אזא לאנד מיט שוידער אבצושטויסען אונ דאס וואלט אויך געווען א ריכטיגער בעווייז, וואסערע דם־שונאים מיר האבען אפילו אין דער רעגירונג פון דעם איידלען, געבילדעטען ענגלישען פאלק, אז מע וויל אונז גאר פשוט פארטיליגען, מע וויל אונז פארשיקען אין א לאנד, וואס איז אוכלת יושביה, וואס די שווארצע פעסט טוידטעט אפט אויס גאנצע מחנות מענשען ווי די פליגען. — צום גליק אבער איז דער שד ניט אזוי שרעקליך ווי מע

מאלט איהם אויס אונ דאס לאנד אוגאנדא, דארט וואו מע רעכענט מאכען א יודישע קאלאניזאציע איז באמת א סך בעסער אונ געזונטער ווי מע שטעלט זיך פאר לייענענדיג דעם געזאגטען ארטיקעל. יעדענפאלס דארף מען פאר א זאך ניט חאפען אבשרעקען אײדער מע קוקט זי גלייך אין די אויגען אריין.

לאמיר זעהן, וואס איז דאס פאר א לאנד לויט ווי עס ווערד בעשריבען פון פיעל געלעהרנטע.

דאס לאנד אוגאנדא, וועלכעס איז זייט 1891 אונטער די הערשאפט פון ענגלאנד, ליגט סאמע אונטער דעם עקוואטאר (קו המשוה), וואס דארט ברענט אייגענטליך די זון זעהר שטארק, דאס דארף אבער גאר ניט אבשרעקען, ווייל די פיעל וואסערען, וועלכע בעפייכטען דאס לאנד פון אלע זייטען, מאכען דאס קלימא על פי רוב זעהר געמעסיגט אונ אנגענעהם. פון דרום זייט די גרויסע אזערא אוקערעווא אדער וויקטאריא־ניאנצא אונ דער טייך דאנא פון מזרח דער גרויסער טייך וועבי דאאו, פון צפון די אזערא רודאלפא, פון מערב די אזערא׳ס אלבערט ניאנצא אונ מוטא־נציגע, אונ נאך פיעל אנדערע אזעראס אונ טייכען, וועלכע בעוועסערען דאס גאנצע לאנד, מאכען עס זעהר פרוכטבאר, אז מען רופט עס „די רייכע אוגאנדא“. איהרע גרענצען זענען: אין צפון־זייט סודאן אונ אבעסיניע, אין מזרח דאס לאנד סאמאלי אונ זאנזיבאר, אין דרום דאס דייטשע לאנד אוניאמוועזי, אין מערב דאס גרויסע לאנד קאנגא. — דאס גאנצע לאנד פארנעמט

2700 קוואדראטנע מיילען מיט איין ערך פון א מיליאן איינוואהנער. דער טייל, וועלכער ליגט אין מערבית־צפונית פון דער אזערא וויקטאריא, איז איין אונגעזונטע געגענד, זי איז ערטער־ווייז מיט וואלד בעדעקט; אבער די פיעל טאלען צווישען די וועלדער זענען פייכט אונ זומפיג. דאגעגען אבער די מזרח'דיגע אונ די צפונ'דיגע געגענדען זענען כמעט דורכאוים געבירגיג, טרוקען אונ געזונט. רייכע וועלדער אונ סטעפעס זענען דארט, וואו עס געפינען זיך פארשידענע חיות, ווילדע ציעגען, אנטילאפען, עלעפאנטען, אויך לייבען אונ לעמפערטען, פארשידענע טייערע פייגעל. די דורכשניטליכע טעמפעראטור (ווארעמקייט) איז $21\frac{1}{2}$ גראד (די העכסטע $34\frac{1}{2}$, די נידריגסטע 2 גראד). א גרויסער טייל פון די איינוואהנער פון דעם דאזיגען לאנד זענען דורך די פראטעסטאנטישע אונ קאטוילישע מיסיאנערען פון ענגלאנד אונ פון פראנקרייך שוין זייט א לאנגע צייט געווארען קריסטען אונ 20,000 זענען מאחמאדאנער. זיי בעשעפטיגען זיך מיט ערדארבייט. זייערע לאנדעספראדוקטען זענען: באנאנען, קוקורוז, צוקער, קאפע, טאבאק, ריצינעס, דורא אונ אנדערע פראדוקטען, פון די באנאנען מאכען זיי איין ארט בראנפען (מוענגא). זייערע הויז־בהמות זענען: רינדער, שאף, ציעגען, היהנער, קעץ אונ הונט. זיי זענען גוטע האלצארבייטער אונ שמידען, זייערע כלי־זין זענען נאך פארצייטיגע שווערט אונ פייל אונ בויגען, אבער מע פיהרט זיי שוין אויך צו ביקסען פון זאנזיבאר. אויף דער אזערא וויקטאריא האבען זיי גאנצע פלאטען פון גרויסע, גוט אויסגע־

אַרְבֶּעטֶע לָאדְקֶעס. קְלֵיידֶער מַאכֶען זֵיי פוּן קָארֶע פוּן בֵּיימֶער, פְלֶעכְטֶען אוֹיךְ קֶערְבּ אוּנ מַאכֶען טֶעפּ, זֵיי פַארְשְׁטֵיהֶען אוֹיךְ דִי לֶעדֶער־אַרְבֵּייט.

דִי שְׁכֵנִים פוּן דֶעם לַאנְד זֶענֶען פוּן צָפוֹן־זַייט דִי אַרַאבִּישֶׁע שְׁבָטִים פוּן סוּדַאן, צְווִישֶׁען זֵיי אוֹיךְ פִיעל יוּדֶען. זֵיי בֶּע־טְרַייבֶּען גְרוֹיסֶען הַאנְדֶעל מִיט מִצְרַיִם אוּנ אַרַאבִּיֶע, זַייט 1890 זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אוּנְטֶער עֶנְגְלִישׁ־עֶגִיפְּטִישֶׁען שׁוּץ. דִי אַיינְוואוֹהנֶער פוּן אַבֶּעסִינִיֶע זֶענֶען אֵייגֶענְטְלִיךְ דִי כּוּשִׁיִים. אָבֶּער זֵיי רֶעכֶענֶען זִיךְ פַאר אוּנְזֶערֶע נָאהֶנְטֶע קְרוֹבִים אוּנ זֶענֶען זִיךְ מִיט אוּנְז שְׁטַארְק מְיַחֵס, דֶען פוּן אֵיין זַייט זָאגֶען זֵיי, אַז זֵייעֶר קֶענִיג אִיז פוּן דִי זֶרַע מַלְכֵי בֵּית דָוִד אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאבֶּען זֵיי אַלֶע אִין זִיךְ זֵעהר פִיעל יוּדִישׁ בְּלוּט: וֶוען דִי מַלְכַּת שְׁבָא אִיז גֶעוֶועזֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם — אַזוֹי דֶערְצֵייהְלְט מֶען — זֶעהן אוּנ הֶערֶען דִי חָכְמָה פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, הָאט זִי דָארְט מִיט אִיהם אַנַב חֲתוּנָה גֶעהַאט. פוּן דֶער דָאזִיגֶער חֲתוּנָה אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען אַ זוּהן, וֶועלְכֶען זִי הָאט בֶּעשְׁטִימְט עֶר זָאל זַיין אִיהר טְרָאנְפָאלְגֶער (נַאסְלֶעדְנִיק). אַז עֶר אִיז אַבִּיסְל אוּנְטֶערְגֶע־וַואקְסֶען, הָאט זִי אִיהם צוּגֶעשִׁיקְט צוּם פָאטֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם, דָארְט אִיז עֶר זֵעהר גוּט אוּנ שֵׁיין עֶרְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען, הָאט גוּט גֶעלֶערֶענְט חָכְמַת יִשְׂרָאֵל אוּנ דִי פֵיינְסְטֶע תַּכְסִיסֵי מְלוּכָה, בִּיז צוּ זַיין 22־סְטֶען יָאהר. עֶר הָאט דָארְט אוֹיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי סְגָנֵי כְּהוּנָּה אוּנ דֶערְנָאךְ הָאט אִיהם זַיין מוּטֶער, דִי מַלְכַּת שְׁבָא, גֶעשִׁיקְט רוּפֶען צוּרִיק אִין זַיין לַאנְד, כְּדֵי אִיהם אִיבֶּערצוּגֶעבֶּען דִי

מְלוּכָה נָאךְ פַאר אִיהר לֶעבֶּען, אוּנ שְׁלֹמֹה הָאט מִיט אִיהם מִיטְגֶעשִׁיקְט יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען יוּנְגְלֶעךְ אוּנ מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי מְיוּחָסֵי יְרוּשָׁלַיִם, אַלֶע פוּן זַיין אַלְטֶער, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ טַאקִי מִיט אִיהם צוּזַאמֶען דֶערְ־צוֹיגֶען, אוּנ דִי אַלֶע יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען טַאקִי דָארְט אִין אַבִּיסִינִיֶע פַארְבְּלִיבֶּען, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען דִי שָׂרֵי מְלוּכָה אוּנ דֶעם קֶענִיגְם יוֹעֲצִים אוּנ פְּקִידִים אוּנ הָאבֶּען זִיךְ שְׁפֶּעטֶער פַארְמִישְׁט מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע בֶּעפֶעלְקֶערוּנְג. דֶערִיבֶּער עֶקְסִיסְטִירְט נָאךְ עַד הַיּוֹם בַּיי דִי אַבִּיסִינִיֶער פִיעל יוּדִישֶׁע נֶעמֶען, דֶער קֶענִיג „מֶענֶעלִיק" (פוּן דֶעם וָוארְט מֶלֶךְ) טְרָאגְט אוֹיךְ אַ קְרוֹין, וֶועלְכֶע שְׁטַאמְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען קֶענִיג (מֶענֶעלִיק) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ'ם זוּהן. זַיין שְׁטוּהל אִיז נָאכְגֶעמַאכְט רִיכְטִיג וִוי דֶער שְׁטוּהל פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, וָואס אוֹיף זַיין נָאמֶען אִיז עָר זִיךְ מְיַחֵס פוּן דוֹר צוּ דוֹר. דִי אַרְכִיטֶעקְטוּר פוּן דֶעם שְׁטוּהל אִיז אִין זֵייעֶרֶע הִיסְטָארִיֶע בֶּעשְׁרִיבֶּען רִיכְטִיג וִוי אִין אוּנְזֶער סֵפֶר מְלָכִים נָאר אַנְשְׁטַאט דֶעם וָואס שְׁלֹמֹה הַמְּלָכִים שְׁטוּהל אִיז גֶעוֶועזֶען גֶע־מַאכְט פוּן גָאלְד, אִיז דִיעֶזֶער פוּן זִילְבֶּער פַארְגָאלְדֶעט.

זֵיי אַבִּיסִינִיֶער זֶענֶען גְרוֹיסֶע קְרִיגְסְהֶעלְדֶען. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעדֶענְקְט נָאךְ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת אוּנ צוּגְלַייךְ אוֹיךְ זֵייעֶרֶע אֵיידֶעלְקֵייט גֶעגֶען דִי אִיטַאלִיעֶנֶער פַאר 8 יָאהְרֶען, וֶוען דִי אִיטַאלִיעֶנֶער הָאבֶּען גֶעוָואלְט זֵיי צוּפִיעל אִין דִי בֵּייגֶער אַרַיינְקְרִיכֶען. זַייט דַאמָאלְס זֶענֶען דִי אַבִּיסִינִיֶער גֶעבְּלִיבֶּען זֵעהר גֶעשֶׁעצְט אִין דֶער וֶועלְט אוּנ אַלֶע אֵיירָאפֵּייאִישֶׁע רֶעגִירוּנְגֶען פַארְלַאנְגֶען זֵייעֶרֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט. דִי אַבֶּעסִינִיֶער הָאבֶּען אוֹיךְ אַ סַךְ יוּדִישֶׁע מִצְוֹת אוּנ

מִנְהָגִים. צְווִישֶׁען זֵיי וואהנֶען אַ פִּיעֶרְטֶעל מִילְיָאן יוּדֶען, וָואס פַאר עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט יָאהר הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט דָארְט אַ יוּדִישֶׁע מְלוּכָה אוּנ הָאבֶּען גֶעהֶערְשְׁט אִיבֶּער גַאנְץ אַבִּיסִינְיֶע.

ווייטֶער אַבִּיסֶל צוּ מִזְרָח אוּנ מִזְרָחִית צְפוֹנִית לִיגְט דָאס לַאנְד סָאמַאלִי, אַ גֶעבִּירְגִיג לַאנְד מִיט דֶער הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט מַאקְדִישׁוּ. דִי אֵיינְוואהנֶער, אַרַאבֶּער אוּנ נֶעגֶער, זֶענֶען אַ ווִילְד קְרִיגֶערִישׁ פָאלְק. אוֹיךְ דָארְט וואהנֶען צֶעשְׁפְּרֵייט יוּדֶען.

אִין מִזְרָח לִיגְט דִי סוּלְטַאנְסְטְווֹא זַאנְזִיבַּאר, וֶועלְכֶע בֶּע־שְׁטֶעהט פוּן פִיעל אִינְזֶלֶען אוּנ אַ שְׁטָאלֶען פַּאס עֶרְד אוֹיף דֶעם טַייך דַאנַא אוּנ אוֹיפְ'ן מַעֲרָבְ'דִיגֶען בְּרֶעג פוּנ'ם אִינְדִישֶׁען אָקֶעאַן, אַלֶע צוּזַאמֶען טְרָאגֶען דֶעם נָאמֶען זַאנְזִיבַּאר. דִי אֵיינְוואהנֶער זֶענֶען נֶעגֶער, וֶועלְכֶע הָאבֶּען פַאר דְרֵיי הוּנְדֶערְט יָאהר גֶערוּפֶען צוּ זִיךְ אַרַאבִּישֶׁע שֵׁייכֶען (קֶענִיגֶע), זֵיי זָאלֶען זֵיי שִׁיצֶען פוּן דִי פָּארְטוּגִיזֶען, וֶועלְכֶע פְלֶעגֶען זֵיי שְׁטֶענְדִיג בֶּעפַאלֶען. דָאס לַאנְד פַארְנֶעמְט אַיין עֶרֶךְ פוּן 300 קְוואדְרַאטְנֶע מֵיילֶען מִיט 200 טוֹיזֶענְט אֵיינְוואהנֶער. זֵייעֶרֶע הוֹיפְּטְשְׁטֶעדְט זֶענֶען מֶעלַאנְדַא אוּנ מַאמְבַּאס. זֵיי מַאכֶען גְרוֹיסֶען הַאנְדֶעל מִיט אֵייְרָאפַּא, מִיט עֶלֶעפַאנְט־בֵּיין אוּנ אַנְדֶערֶע זַאכֶען פוּן זֵייעֶרֶע לַאנְד־פְּרָאדוּקְטֶען. דָאס אִיז אַיין אַרְבֵּייטְזַאם אוּנ פְרִידְלִיךְ פָאלְק.

אִין מַעֲרָב לִיגְט דָאס גְרוֹיסֶע קֶענִיגְרֵייךְ קָאנְגָא. עֶס פַארְנֶעמְט כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע גֶעגֶענְד וואוּ עֶס פְלִיעסְט דֶער טַייךְ קָאנְגָא. פוּן דִי אָזֶערַאס אוּקֶערֶעווא אוּנ טַאנְגַאנְאִיקִי צוּ מַעֲרָב צוּ בִּיז עֶס קוּמְט צוּ

מיט א שמאלען פאס ערד צום אלטלאנטישען אקעאן. עס פארנעמט פינף און פיערציג טויזענט קוואדראטנע מיילען מיט פינף און דרייסיג מיליאן איינוואהנער. ביי די ברעגען פון דעם טייך קאנגא, וואו ער פאלט אריין אין ים, זענען דא צוויי זעהר שענע האפען (פארטען), וואו שיפען שטעלען זיך צו. באנאנא און באמא. דאס לאנד געהער צום בעלגישען קעניג.

אט אזוי זעהט אוים דאס לאנד אוגאנדא און איינינע פון איהרע נאהנטע לענדער און פעלקער. נאר די אויסגעקליבענע קאמיסיע אויף דעם היינטיגען קאנגרעס וועט נאטירליך אויפ'ן ארט אויספארשען דאס לאנד און וועט אונז בעקענען אויספיהרליכער און ריכטיגער מיט אלעם וואס געהער צום לאנד אוגאנדא.

* * *

אין אנדערע קוועלען געפינען מיר א בעשרייבונג וועגען דעם לאנד:

דאס קלימא איז פייכט אבער פונדעסטוועגען געזונט. צווישען די דארטיגע איינוואהנער, וואס שטאמען פון די ווילדע שבטים באנטו, וואגאנדא און וואהומא, געפינען זיך שוין ביז 100,000 פראטעסטאנ־טען און 50,000 קאטאליקען. מאחמאדאנער זענען דארטען דא נישט מעהר ווי 20,000. דער האנדעל פון לאנד בעשטעהט אוים עלפענביין, גומי, סטאלע, קאפע און לעדער פון לייבען, לעמפערטען, ציעגען, אקסען און ווייסע אפען. דאס לאנד ווערד איינגעטיילט אין פינף פראווינצען: בוזירא מיט דער הויפטשטאדט מענגא, טשאגווע, בוטערא,

זִינְגָא אוּנ בּוּדוּ. דֶער פָּארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶעם לַאנְד אִיז אַיין עֶנְגְלִישֶׁער
רֶעגִירוּנְגְס־קָאמִיסַאר מִיט אַ חֵיל פוּן 1,500 מַאן, אוּנְטֶער אִיהם רֶע־
גִירְט דֶער דָארְטִיגֶער קֶענִיג אָדֶער וִוי עֶר הֵייסְט בַּיי דִי אַיינְוואהנֶער
קַאבַּאקַא מִיט אַיין עֶרְשְׁטֶען מִינִיסְטֶער אוּנ מִיט אַ סֶענַאט, וָואס גֵעהט
אִיבֶּער בִּירוּשָׁה פוּן אַיין דוֹר צוּם אַנְדֶערֶען. דִי פְּרָאוִוינְצֶען וֶוערֶען בֶּע־
הֶערְשְׁט פוּן דִי דָארְטִיגֶע הוֹיפְּטְלַייט אוּנ דִי הֶערְשַׁאפְט גֵעהט אוֹיךְ
אִיבֶּער בִּירוּשָׁה. דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים פוּן דִי עֶרְד זֶענֶען דִי דָארְטִיגֶע אַדֶעל
אוּנ דִי פּוֹיעֶרֶען מוּזֶען זֵיי טוּן אַלֶע אַרְבֵּייט. אִין יָאהר 1830, בְּשַׁעַת
זוּנַא דֶער צְווַייטֶער אִיז גֶעוֶועזֶען קֶענִיג אִין אוּגַאנְדַא, זֶענֶען דָארְטֶען
אָנְגֶעקוּמֶען דִי אַרַאבֶּער אוּנ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דָארְטֶען צוּ בֶּעזֶעצֶען. אִין
יָאהר 1860, וֶוען דֶער אַכְזָר'דִיגֶער מְטֶעזַא הָאט רֶעגִירְט, הָאבֶּען דִי אֵיי־
רָאפֵּייעֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קוּמֶען אַהִין, אוּנ דָאס לַאנְד אִיז בֶּעזוּכְט גֶע־
וָוארֶען פוּן דִי רֵייזֶענְדֶער שְׁפֶּעק, לַאנְג, סְטַאנְלֵיי, עֶמִין פַּאשַׁא, ווִילְסָאן
אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע, אָבֶּער אִין יָאהר 1879, וֶוען עֶס זֶענֶען דָארְטֶען אָנְ־
גֶעקוּמֶען פְּרַאנְצוֹיזִישֶׁע אוּנ עֶנְגְלִישֶׁע מִיסִיאָנֶערֶען, הָאט דֶער קֶענִיג
פַּארְבָּאטֶען צוּ לֶערְנֶען דִי קְרִיסְטְלִיכֶע אֱמוּנָה אוּנ אִין יָאהר 1881 בִּיז
1883 זִיךְ גֶעפְּרִיוְוט דוּרְךְ אוֹיסְהַרְגֶ'נֶען אַ גְרוֹיסֶע צָאהל קְרִיסְטֶען עֶס אִין
גַאנְצֶען פוּן זַיין לַאנְד אוֹיסְצוּרָאטֶען אוּנ זַיין זוּהן נְוָואנְגָא הָאט עֶס
נָאךְ שְׁטְרֶענְגֶער אוּנְטֶערְדְרִיקְט אוּנ אִין יָאהר 1885 הָאט עֶר גֶעוִוירְקְט
אוֹיף דִי אַרַאבֶּער זֵיי זָאלֶען זַיינֶע אוּנְטֶערְטַאנֶען, וָואס הָאבֶּען אָנְגֶע־
נוּמֶען דֶעם קְרִיסְטְלִיכֶען גְלוֹיבֶּען, אוּים הַרְגֶ'נֶען אִין אַיין אוּנְגֶעהֵייעֶר
גְרוֹיסֶע צָאהל אוּנ אוֹיךְ דֶעם עֶנְגְלִישֶׁען בִּישָׁאף הָאנִינְגְטָאן הָאט עֶר

געלאזט הרג'ענען. נאר אז זיינע גוואַרדיע, וועלכע ער האט געוואלט לאזען אויסהרג'ענען, האבען איהם פון זיין הויפּטשטאדט ארויסגעיאגט, איז ער נאך אוקומבי אנטלאפען און דארטען האבען איהם די קאטוילישע מיסיאנערען אויפגענומען און ער האט דארטען אנגענומען דעם קאטאלישען גלויבען. די לייב-גוואַרדיע האט צוערשט אויסגעקליבען פאר א קעניג מוואַנגאַס ברודער קיוועוואַ, די מאחמאַדאַנער ווידער האבען געמאכט פאר א קעניג זיין צווייטען ברידער קארעמא. ער האט אבער די קריסטען נישט בעסער בעהאנדעלט ווי די פריהערדיגע קעניגע און דעריבער האבען די קריסטען ווידער אין יאהר 1889 מוואַנגאַ צום קעניג גערופען און אין יאהר 1890 האט ער אלע זיינע פיינד ביי רובאַגא איינגענומען און אויסגע'הרג'עט. אין יאהר 1890 האט מוואַנגאַ געשלאסען א בונד מיט לוגאַרד דעם פערטרעטער פון דער ענגלישען מזרח-אפריקאנישען געזעלשאפט. אין יאהר 1892 איז אויסגעבראכען א מלחמה צווישען די דארטיגע קאטאליקען און פראטעסטאנטען, לוגאַרד אבער האט צווישען זיי שלום געמאכט און מוואַנגאַ האט אנגענומען דעם פראטעסטאנטישען גלויבען. אין יאהר 1894 אלס די ענגלישע מזרח-אפריקאנישע געזעלשאפט איז געוועזען אין א גרויסע געלד-פערלעגענהייט, האט די ענגלישע רעגירונג איבערגענומען די הערשאפט איבער אוגאַנדאַ.